STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04365

YOMIM-TOYVIM-FOLKLOR

Sz. Zlotnik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב ישעיה זלאָטניק

ימים-טובים-פאָלקלאָר

אַלע פאָלקסטימליכע דבורים, גלייכ-ווערטלעך, וויצען, הלצות און אַנעק-דאָטען וועגען אונזערע ימים-טובים.

געשעפּט אַממייכטען פון בעל-פה קוועלען!

ערשטער טייל

וואַרשא 1930

ימים=טובים=פאָלקלאָר

אַלע פאָלקסטימליכע דבורים, גלייכווערטלעך,
חכמות, וויצען, הלצות און אַנעקדאָטען,
וואָס בעציהען זיך אויף אונזערע ימים-טובים,
מיט אַנ'אָבהאַנדלונג וועגען יודישען וויץ.

געזאַמעלט אַממייסטען פון בעל-פה קוועלען
ביי די פאָלקסטימליכסטע שיכטען אין די
קאָמפּאַקטע יודישע ישובים פון אייראָפּע דורך

הרב ישעיה זלאטניק

ערשטער טייל

Copyright by rabbi S. Zlotnick, Radom.
פאַר איבערדרוקען, אַפילו טיילווייז,
ווערט געריכטליך פערפאָלגט ווערען.

ŚWIĄTECZNY FOLKLOR
Rabina Sz. Złotnika
Radom — Poland

געזעצט ביי ש. קאַכמאַן ווארשא, פראנציסקאַנער 12

Druk: B-ci Feder, Franciszkanska 6

אינהאַלט:

הקדמה
1) שבת פאָלקלאָר:
א) פרייטאָג-צונאַכטס
ב) שמירת-שבת
ג) שבת-בייטאָג
ד) פרק
ה) מוצאי-שבת.
2) ראש השנה פאָלקלאָר
3) יום-כפור פאָלקלאָר
4) סוכות-פאָלקלאָר
5) שמיני-עצרת-פאָלקלאָר
6) חנוכה-פאָלקלאָר
7) מגילה-פאָלקלאָר
8) פורים-פאָלקלאָר
9) הגדה-פאָלקלאָר
10) פסח-פאָלקלאָר
11) שבועות פאָלקלאָר
12) תשעה-באב-פאָלקלאָר

פֿאָרוואָרט

דער יודישער פֿאָלקלאָר מוז באמת, נישט אַזוי צוליעב זיין כמות ווי צוליעב זיין איכות, פֿעררעכענט ווערען פֿאַר דעם אָריגינעלסטען און אייגענאַרטיגסטען אין דעם וועלט פֿאָל־קלאָר־ליטעראַטור.

דער יודישער הומאָר, וויץ און סאַטירע האָבען שוין פֿון לאַנג געצויגען אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די גרעסטע וועלט־דיכטער, דענקער און ליטעראַטען און זיי קורסירען אי־בעראַל אַרום אין די גרעסטע גייסט־טעמפּלען.

וואָס איז די סיבה, וואָס דער יודישער וויץ האָט אזוי שטאַרק אויסגענומען אין דער גאַנצער וועלט?

דער איין־איינציגער ענטפֿער דערויף איז, וואָס קיין שום פֿאָלק אין דער וועלט האָט נישט אַזאַ שטאַרקע נייגונג צו וויצ־לען זיך ווי דאָס יודישע, אַזוי דאָס די הלצה איז געוואָרען זיין צווייטע נאַטור. דעם יוד׳ס ליבע צום וויץ דערגרייכט אַזוי וויט, דאָס אפילו דער רעליגיעזער יוד ערלויבט זיך צו וויצ־לען זיך איבער די „קדשי האומה”, איבער זיינע הייליגסטימער און רעליגיעזע צערעמאָניעס, נישט מיינענדיג דערביי עפּעס אָנ־צוגרייפֿען, אויסצולאַכען, נאָר סתם לשם הלצה און וויץ...

צבי כשדאי דערצעהלט אין זיין ספר „להר־סיני”, דאָס בעת זיין עקסקורסיע־רייזע צום באַרג סיני, זענען צו איהם אויף דער שיף צוגעקומען צוויי קאָצקער חסידים און, וועגדענדיג

זיך צו איהם מיט די ווערטער, האָבען זיי געבעטען פון איהם אַ קליינע טובה:

— אפשר וואָלט איהר, ליבער פריינד, מיטגענומען אַהין אַ קליין בּאַגאַזשעל?

— וואָס, דהיינו?

— דאָס קליינע תורה׳לע, וואס מיר האָבען דאָרטען אויפ׳ן באַרג סיני פאַר עטליכע טויזענד יאָהר איבערגעוואַלד מקבל געווען!...

ווי ווייט שטאַרק און ווירקזאַם דער יודישער וויץ איז — בעווייזט דער פאַקט, וואָס איז בעקאַנט דער עפענטליכקייט, אַז דער יודישער וויץ האָט חרוב געמאַכט די... אונגאַרישע קאָמונע. די יידישע שאַרפע וויצען, בייסענדע איראָניעס און שאַרפע סאַטירען אויפ׳ן אַדרעס פון דער נאָרוואָס דעמאָלט געשאַפענער קאָמונע און קאָמוניסטישע גדולים האָבען זיך בליץ שנעל פערשפרייט אין דער גאַנצער אונגאַרישער געזעלשאַפט און געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד די ראַטענמאַכט מיט איהרע אַלע אומגעלומפערטע אויפטהועכצען און פעראָרדנונגען...

און אפשר מיינט איהר, אַז די דאָזיגע טבע פון יודישען פאָלק אָבצו׳חוזק׳ן און וויצלען זיך איבער אַלעמען, איז נאָר — ווי אונזערע פאָלקלאָר־פאָרשער מיינען — אַ פּראָדוקט פון גלות. אין דער לאַנגער פינסטערער גלות־תקופה, ווען אונצעהליגע מאַכטהאָבערישע שונאים האָבען זיך פסדר געקליגט צו פערבי־טערען און פערמוערען דאָס לעבען פון יודישען פאָלק און פעראַכטען און דערנידעריגען זיין נאַציאָנאַלען שטאָלץ און גייסט — במשך פון דער צייט — דערקלערען עס אונזערע פאָלקלאָריסטען — האָט זיך ביים יודישען פאָלק אויסגעאַרבייט אַזאַ מין, וואָס מען רופט עס „גאַלגען הומאָר”, אַ לאַכען פון דער תליה אַראָב, און ער לאַכט אויס מיט בייסענדיגער אי־ראָניע אַלע זיינע תלינים און דערנידריגערס...

די דאָזיגע מיינונג פון אונזערע פאָלקלאָר־פאָרשער איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל באמת איז די טבע, נייגונג און ליבע פון יודישען פאָלק צום וויץ פיעל עלטער ווי דער גלות.

אָט ווע̄ל איך דאָ ברענגען אַ̄לס ביישפּי̄ל, דעם ערשטען דוכט זיך, אויפגעשריבענעם יודישען פאָלקסטימ̄ליכען וויץ (איך בעטאָן דאָ: דעם ערשטען יודישען „וויץ״, אויסשליסענדיג דער־מיט: שפּריכווערטער, דענקווערטער און רעדענסאַרטען, וואָס געפינען זיך, ווי בעוואוסט, יאָ אין אַ היבשער צאָהל אין תנ״ך און אפילו אין חומש) וואָס איז אונז בעקאַנט, און וואָס קיינער האַט נאָך וועגען איהם נישט אָנגעמערקט, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען דורכ׳ן פאָלק נאָך אין דער צייט פאַר׳ן חורבן בית ראשון, וועלכער איז אָבער אַזוי עהנליך, אי אין כאַראַקטער, אי אין אינהאַלט צום היינטיגען יודישען וויץ, אַזוי דאָס פון ערשטען אויגענבליק קאָן מען מיינען, דאָס ער איז ערשט נעכטען דורכ׳ן פאָלק פערפאַסט געוואָרען.

דער נביא ירמיה דערצעהלט אונז (ירמיה כ״ג, ל״ג—ל״ט) אַז דאָס פאָלק, וואָס איז געוועזן שטאַרק פערביטערט אויף זיינע כסדר׳דיגע שלעכטע נביאות׳ן וועגען סוף פון מלכות יהודה, האָט געשאַפען אַזאַ בייסענדען וויץ. אָנשטאָט חדשים לבקרים צו פרעגען דעם נביא: מה ענה ה׳, מה דבר ה׳ — וואָס האָט גאָט דיר איבערגעגעבען צו זאָגען און רעדען? האָט יע־דער איינציגער, טרעפענדיג ירמיה׳ן, איהם געפרעגט איראָניש: „מה משא ה׳? דער פאָלקסטימ̄ליכער וויץ איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס וואָרט „משא״ אין העברעאישען איז אַ *) קאָ־

---

*) דערמיט צעפאַלט די אויספיהרונג פון בעקאַנטען פאָלקאָר־פאָרשער א. דרויאַנאָוו (אין „רשומות״ כרך ב׳), וועלכער קומט נאָך א לאַנגען פּלפּול׳ען זיך צו דער מסקנא, אַז דער טיפּיש־יודישער וויץ אונטערשיידעט זיך פון אונ־טערנאַציאָנאַלען וויץ דערמיט, וואָס ער איז נישט פונדאַמענטירט אויפ׳ן קאַלאַמבור, אויפ׳ן וואָרט־שפּיעל. נאָר אויף דער מחשבה, בעת דער אינטערנאַציאָנאַלער וויץ איז נאָר אַ „מדרש לשון״, וואָס שטיצט זיך אויף דער שפּראַך־טעכניק. אָט דער ביישפּיעל פון דאָ ציטאַטירטען ערשטען און עלטסטען יודישען וויץ, וואָס איז אויך נאָר בעקאַנט, צעבריכט גענצליך די גאַנצע וויסענשאַפטליכע מסקנא פון ה׳ דרוי־אַנאָוו ווייל מיר זעהען דאָ, אַז דער טיפּיש (דוכט זיך אַז דער עלטסטער יודישער

לאָמבור, אַ וואָרט-שפּיעל ד. ה. עס האָט צוויי בעדייטונגען: אַ נבואה און אויך אַ משא, אַ שווערער לאַסט. אַזוי-אַרום האָט דער פרעגער געמיינט צו פרעגען ירמיה'ן: וואָס פאַר אַ נייע שווערע לאַסט אין פעקעל-צרות האָסט דו שוין ווייטער פאַר אונז?...

און דער **נביא** צעבייזערט זיך דאָרטען אין מעהרערע פסוקים אויף דעם געוואַגטען וויץ, וואָס ציעלט אויסצולאַכען און גרינגצושעצען אַלע זיינע געטליכע נביאות'ן אין די אַזוי ערנ-סטע, שווערמוטינע און צאַנקענדיגע שעה'ן פון דער יודישער מלוכה, און שעלט די אַלע וואָס וועלען פרעגען: מה משא ה'...

אָט דער דאָזיגער אַלטער פאָלקסטימליכער יודישער וויץ, איז, דוכט זיך, פון דעם אייגענעם מין און סאָרט סאַרקאַסטישע וויצען, וואָס מיר פערמאָגען אין די טויזענדער, וואָס דריקען אויס אין אַ בייסענדער וויץ-פאָרם. דער בטול און גרינגשעצונג פון פאָלק צו אַלע זיינע שווערע פּראָבלעמען... און דאָך איז ער אַ סך עלטער פון גאַנצען יודישען גלות.

איך האָב דאָ נישט מיט מיינע א. ד. שורות געצעלט איבערצוגעבען פאַר די לעזער די געשיכטע פון יודישען וויץ (אגב האָב איך אַזאַ ווערק בכתב-יד!), וואָס דאָס קאָן דאָך בעשטימט נישט אָפּגעפּטר'ט ווערען אין אַ קורצער בעשרייבונג פון עטליכע זייטען, נאָר איך האָב דאָ געוואָלט אין ראשי-פּרקים בעצייכענען דעם קראַפטפולען אינהאַלט פון יודישען וויץ, וואָס זיין ווירקזאַמקייט איז ממש שמעטערענד פאַר די אויף וועמענס אַדרעס ער ווערט געזאָגט און דערפאַר איז זיין ווערט ממש נישט אָבצושאַצען. און אַ שאָד איז דערפאַר יעדער איינציגער יודישער וויץ, הלצה אָדער אַנעקדאָט, וואָס געהט

חיץ מוז זיין אויך דער אָריגינעל-פאָלקסקימליכסטער) פאָלקסטימליכער יודישער וויץ איז אויך געגרינדעט אויפ'ן קאַלאַמבור, אויף דער שפּראַך-טעכניק, אָדער, ווי דרויאַנאָוו רופט עס אָן, אַז ר'איז אַ „מדרש-לשון". און דאָס איז אַ ראיה שאין עליה תשובה!

ליבוד, ווערט פאַרגעסען און הערט אויף צו לעבען אין מויל פון אונזער פאָלק.

און די צייט צו זאַמלען אונזערע צעוואָרפענע פאָלקלאָריסטישע אוצרות איז, דוכט זיך, היינט די פּאַסיגסטע. עס איז די צייט פון: ועת כנוס אבנים אָדער פון: עת לשמור, ווי דער קלוגער קהלת האָט זיך אויסגעדריקט, ווייל, וואָס מעהר דאָס יודישע גלות-לעבען ווערט פּראָבלעמאַטישער, וואָס מעהר די קאָנטורען פון ווידעראויפבוי פון אַ נייעם נאַציאָנאַלען זעלבסטשטענדיגען לעבען אין אונזער אַלטער-נייער היים ווערען בולט'ער, אויף אַזוי מעהר ווערען וויכטיגער די זאַמלונגען פון אונזערע פאָלקלאָריסטישע אוצרות, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען דורכ'ן פאָלק אין גאַנץ אַנדערע בעזינגונגען און אומגעבונגען פון היינט.

און באמת אויב מיר שטרעבען אָן אַלע אונזערע כחות, אַז מיר זאָלען אויפהערען צו זיין „צעזייהט און צעשפּרייט" אויפ'ן פּאָליטישען געביעט טאָ ברויכען מיר דאָך די אייגענע מעטאָדע פון „קבוץ גליות" אָנצוווענדען אויך בנוגע אונזערע פאָלקלאָריסטישע שאַפונגען און ווערטען, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען אין פערלויף פון לאַנגע דורות, בכדי זיי צו פערמומירען אויף אייביג.

אין די לעצטע צעהן יאָר האָב איך אַ סך פון מיין צייט אין אַרבייט געווידמעט דערדאָזיגער זאַך צונויפצוזאַמלען אַלע פאָלקסטימליכע הלצות, וויצען, גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטען אום זיי דערנאָך צו סאָרטירען לויט די פערשיעדענע רעסאָרטען, צו וועלכע זיי געהערען.

דאָס מאַטעריאַל האָב איך אין גרעסטען טייל געשעפּט און געזאַמעלט דירעקט פון פאָלקס-מויל אין שטח פון די קאָמפּאַקטע יודישע ישובים פון פוילען, רוסלאַנד, ליטא, רומעניען, בעהמען און דייטשלאַנד.

די ערשטע זאַמלונג מיינע א. נ. „לעקסיקאָן פון יודישע חכמות", וואָס איז ערשיענען אין פאָריגען יאָהר, האָט קענטיג געמאַכט אַ גוטען רושם אין אונזער לעזער-וועלט, ווייל עס איז

אין אַ זעהר קורצער צייט אויסגעקויפט געוואָרען פון ביכער-מאַרק.

דאָס האָט מיר געגעבען מוט און אויך מיך איבערצייגט, אַז דער אינטערעס צו דער יודישער פאָלקסטימליכקייט ביי אונזער פאָלק איז אין דער איצטיגער צייט זעהר שטאַרק און אַז ס'איז יעצט באמת אַ עת לעשות צו זאַמלען די ריזיגע אוצרות פון יודישער פאָלקסטימליכקייט, וועלכע ליגען פערוואָרפען און צעשאָטען אומעטום.

מיין יעצטיגע זאַמלונג „ימים-טובים-פאָלקלאָר", וואָס ענטהאַלט אַלע פאָלקסטימליכע וויצען, הלצות, אַנעקדאָטען און שאַרפזיניגקייטען וועגען אונזערע ימים-טובים, וואָס וועט ערשיינען אין עטליכע טיילען, איז אַ ווייטערדיגע פאָרטזעצונג פון מיין א. ד. אַרבייט אויפ'ן פאָלקלאָריסטישען געביעט.

און איך מוז דאָ בעמערקען, אַז דער ימים-טובים-פאָלקלאָר איז דער אייגענאַרטיגסטער, שאַרפזיניגסטער און צוזאַמען אויך פאָלקסטימליכסטער פון אַלע אַנדערע מינים פאָלקלאָר, וואָס אונזער פאָלק האָט געשאַפען. וואָרום אין דער שבת-יום-טוב צייט, ווען דער יוד האָט זיך געפיהלט מעהר רחבותדיג, פרייער, ווען ער האָט זיך אויסגעטהון די גשמיות קליידער, אָבגעשאָקעלט פון זיך די וואָכעדיגקייט און גרויעדיגקייט פון הויהאַ לעבען און בעהערשט האָט איהם דאַן די חדות יום טוב, די אצילות, די נשמה יתירה, — דעמאָלט האָט ער צייט געהאַט גענוג צו קריטיקירען מיט זיין וויץ אַלעס אויף דער וועלט און דעמאָלט איז אויך זיין וויץ בעפליגעלט געוואָרען מיט אמת'ען יודישען פאָלקס-זשעני.

איך וויל דאָ נאָך בעמערקען, אַז בנוגע די גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטען פון ימים-טובים-פאָלקלאָר, וואָס ווערען נאָכדערצעהלט פון יחידים-גדולים, האָב איך געברענגט פון זיי נאָר די, וואָס זענען שוין שטאַרק פאָפולאַריזירט און פערפאָלקסטימליכט און אַזוי-אַרום געוואָרען דאָס פאָלקס-אייגענטום. זעהר מערקווירדיג איז אויך דער פאַקט, וואָס צו אַ סך פאָלקסטימליכע קאָמענטאַרען און פאָלקס-טייטשען צו שבת-זמירות, יוצרות

און יום-טוב-פיוטים האָב איך געפונען מקורות אין די עלטסטע ספרים אונזערע און די דאָזיגע קוועלען האָב איך טאַקע אָנגעצייכענט ביי יעדען בעטרעפענדען פאָלקס-טייטש.

צום לעצט וויל איך דאָ נאָך צוגעבען, אַז כאָטש די זאַמלונג איז אַ ריין פאָלקסטימליכע, האָב איך דאָך געהיטען דערביי די ליטעראַריש-סטיליסטישע פאָרם אויף ווי-ווייט זי פערטוישט נישט די פאָלקסטימליכקייט פון די וויצען, אַזוי אַז דאָס בוך קאָן געלעזען ווערען זעהר לייכט אין אַלע יודישע ישובים.

דער מחבר

א

שבת-פאָלקלאָר

I. פרייטאג-צו-נאַכט׳ס

1

פון פיאָנטעק קיין סאָבאָטע, — אין אַ רבנישער קאַפּאָטע

סאָבאָטא (Sobota שבת אויף פוילייש) און פיאָנטעק (Piątek פרייטאָג) זענען צוויי קליינע סמוכ׳דיגע שטעדטלעך ביי קוטנא. האָט סאָבאָטא געוואָלט אויפנעהמען פאַר אַ רב ביי זיך אַ געוויסען למדן פון פיאָנטעק, אָבער נאָר מיט דעם בע-דינג, אַז דער בעוואוסטער קוטנער גאון ר׳ יהושע׳לע זאָל איהם געבען סמיכה. ר׳ יהושע׳לע האָט דעם פיאָנטקער למדן געגע-בען אַ גאַר פיינעם היתר-הוראה און דערביי פערענדיגט דעם כתב-סמיכה מיט׳ן בעוואוסטען גלייכווערטעל פון תלמוד: „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת"...

2

מחמת וואוילע טעג, קירצער געוואָרען דער וועג

אויף זיין וועג קיין גראָדנע איז דער דובנער מגיד אַמאָל פרייטאג פאַרנאַכט צוגעפאָהרען צו אַ יודישער קרעטשמע

און געפרעגט דעם קרעטשמערס איידעם, אַ יונגערמאַן אַ וואויל־לערנער, וואָס האָט נאָך געגעסן קעסט ביים שווער, — ווי ווייט ס'איז נאָך קיין גראָדנע? דער יונגערמאַן האָט געענט־פערט, אַז ער וועט שוין נישט בעוויזען אַריינצופאָהרען נאָך פאַר שבת קיין גראָדנע, ווייל ס'איז נאָך זיבען וויאָרסט אַהין, און דערפאַר האָט ער געבעטען דעם מגיד צו פערבלייבען שבת ביי איהם.

דער מגיד האָט געמוזט מסכים זיין און איז פערבליבען דאָרט שבת.

מיט יאָהרען שפּעטער איז ווידער אויסגעקומען דעם דובנער מגיד צוצופאָהרען פרייטאָג פאַרנאַכט צו דער זעלבער קרעטשמע אויפן וועג קיין גראָדנא און ווידער האָט ער געפרעגט דעם אייגענעם יונגענמאַן: ווי ווייט ס'איז נאָך צו דער שטאָדט?

דער יונגערמאַן, וואָס האָט בינתים שוין געהאַט אַוועק־געוואָרפען די גמרא און געוואָרען אַ סוחר מיט'ן קנאַק, האָט נישט געוואָלט, אַז דער מגיד זאָל ביי איהם פערבלייבען שבת, — האָט ער דערפאַר געענטפערט דעם מגיד, אַז קיין גראָדנע איז נישט מעהר ווי אַ תחום שבת פון דאַנען... דער מגיד האָט זיך דאַן אָבגערופען:

— יעצט פערשטעה איך שוין דעם פסוק: „על מה אבדה ארץ, על עזבם את תורתי" — פאַרוואָס איז עפּעס פערלוירען געגאַנגען אַ שטיק ערד? — ווייל די יודען האָבען פערלאָזט די תורה!...

3

לאָז ער ברענען, וועט זי איהם אויך בענשען קענען

בשעת'ן ליכט־בענטשען האָט אַמאָל אַ מאַן געפרעגט זיין ווייב אַ מרשעת, וואָס האָט איהם כסדר פערביטערט דאָס לעבען:

— פאַרוואָס די ליכט בענטשסט דו און מיך שעלטסט דו?

האָט איהם דאָס ווייב געענטפערט:

— ווען דו וועסט ברענען ווי אַ ליכט, וועל איך דיך אויך בענטשען!..

4

אַנ׳אָרימאַן, אַ ממזר און אַ פּאַרך

צום רבונו של עולם זענען געקומען זיך בעקלאָגען אויף זייער גורל: אַנ׳אָרימאַן, אַ ממזר און אַ פּאַרך.

דער אָרימאַן האָט זיך בעקלאָגט, פּאַר וואָס אַלע יודען אין שוהל שטעהען ביים דאַוונען אויסגעדרעהט צו איהם מיט׳ן במחילה...

דער ממזר האָט גע׳טענה׳ט: וואָס בין איך שולדיג, אַז מיינע עלטערען האָבען געזינדיגט?

דער פּאַרך האָט געהאַט פּרעטענזיעס: פאַרוואָס מיאוס׳ט זיך די גאַנצע וועלט מיט איהם — גאָט האָט דאָך איהם מיט דעם בעשאָנקען?..

גאָט האָט אויסגעהערט זייערע טענות און זיי אַזוי געענטפערט:

דו, אָרימאַן, וועסט דערפאַר ביי קבלת-שבת, צום „בואי בשלום״ שטעהען אַליין אויסגעדרעהט צום גאַנצען עולם מיט׳ן במחילה!..

דו, ממזר, וועסט דערפאַר האָבען מעהר שכל ווי אַנדערע!..

דו, פּאַרך, וועסט דערפאַר ווערען דער ראש-הקהל!..

5

שבת מלכתא

פאַרוואָס זאָגט מען אין דער שמונה-עשרה פון פרייטאָג-צונאַכט: „אתה קדשת״, פון שחרית: — „ישמח משה״; פון מוסף: — „תכנת שבת״ און פון מנחה — „אתה אחד״?

— ווייל שבת איז דאָך, כידוע אַ כלה (לכה דודי לקראת כלה), טאָ איז מען זיך נוהג מיט איהר ווי מיט אַ כלה: פרי-

הער איז מען מקדש (אתה קדשת) דערנאָך גיט מען איהר אַ מתנה (ישמח משה במתנת חלקו), דערנאָך גיט מען איהר אַ תוספת־כתובה (מוסף) און צום סוף איז מען זיך ערשט מיחד מיט איהר (אתה אחד)...

(אַ פאָלקס־וואָרט, עס געפינט זיך אויך אין ספר „אגרת הטיול" פון מהר"ל'ס אַ ברודער).

6

ווייל זי איז נישט שען, זאָגט זי: שקר החן

פון וואַנען איז געדרונגען, אז אַ פרומע יודענע איז שטענדיג נישט קיין שעהנע?

— עס שטעהט אין „אשת חיל": שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל" — אַ גאָט'ס־פאָרכטיגע פרוי שרייט שטענדיג, אַז חן און שעהנקייט זענען נאַרישע זאַכען...

(„אגרת הטיול")

7

אַ רבי'שער טייטש

אַ חסידישער רבי, נישט קיין איבעריגער למדן, האָט געזאָגט אַזאַ „תורה" ביים טיש:

— עס שטעהט אין די שבת־זמירות פון פרייטאָג־צו־נאַכט „כל שומר שבת כדת מחללו" — אַז איינער היט אָב שבת, איז ער איהם מחלל. נו, איז דאָך זעהר קשה, אַז מ'היט אָב שבת, איז מען דאָך איהם מקדש און נישט מחלל? נאָר דער תירוץ איז אַזוי: כל שומר שבת כדת — ווער עס היט אָב שבת נאָר ווי דער דין איז, נאָר ווי עס שטעהט אין שולחן־ערוך איז נישט מעהר, דער איז „מחללו", דער איז איהם מחלל. ווייל אַ יוד איז מחויב מחמיר צו זיין. אין הלכות שבת מעהר ווי דער דין איז... (דער אמת'ער פשט פון מחללו

איז, כידוע, פון מחלל זיין, ד. ה. ווער עס היט אָב שבת און איז איהם נישט מחלל).

8

ש׳ ת־גנבים

אין פויזען וואו דער בעוואוסטער גאון ר׳ עקיבה אייגער איז געווען רב, האָבען אַ סך אָנגעזעהענע יודען בעזוכט פרייטאָג-צו-נאַכט׳ס דאָס טעאַטער.

ווי ר׳ עקיבא האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געהאַלטען אין שוהל אַ מוסר-דרשה און דערביי אַזוי געזאָגט:

— פון אייער התנהגות, פויזנער יודען, זעה איך בעשיינ-פערליך, אַז די חז״ל זענען גערעכט געווען מיט זייער זאָגען: „רוב גנבי ישראל בינהו״, ווארום אין תּלמוד שטעהט, אַז צוויי מלאכים בעהעפטען זיך אין שבת צו יעדען יוד און בעגלייטען איהם אומעטום וואו ער געהט. היינט-זשע ווען אַ פויזנער יוד געהענדיג פרייטאָגס-צונאַכט׳ס אין טעאַטער אַריין קויפט אָבער אויס אַ בילעט נאָר פאַר זיך אַליין, און נישט פאַר זיינע בע-גלייטערס, די מלאכים, — בע׳גנב׳עט ער דען נישט דערמיט די טעאַטער קאַסע?

9

אַנ׳אשת חיל איז אַ קנאַפּע צדקה-געבערין

אַנ׳עני בן טובים האָט בעקומען פון אַ גביר יעדען פריי-טאָג אַ גאָר שעהנע נדבה. איינמאָל האָט דער בכבוד׳דיגער אָרי-מאַן נישט געטראָפען דעם גביר אין דער היים, האָט איהם דעם גביר׳ס ווייב דערלאַנגט אַ נישטיגע נדבה.

יעצט איז מיר פערענטפערט געוואָרען אַ שווערע קשיא אין „אשת-חיל״! — האָט זיך דער אָרימאַן אויפ׳ן אָרט אָבגע-רופען — עס שטעהט דאָרט: „כפה פרשה לעני וידיה שלחה

לאביון״. איז דאָך לכאורה קשה: וואָס פאַר אַ מעלה איז דאָס פון אַ אשת חיל, אַז זי איז אַ נדבנית? אַ מעהר זי קען דאָך בדיל הדל שטעלען איהר מאַן? נאָר מוז מען זאָגען, אַז שלמה המלך רעדט דאָ פון אַזאַ אשה, וואָט ווען זי פערטרעט איהר מאַן אין צדקה געבען, גיעט זי דאַן אַ צעהנטעל פון זיין נדבה...

10

ווען זי איז זיך מרחם על־הבריות, איז זי זיך נישט מרחם על הארץ

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער פסוק פון אשת-חיל: „לא תירא לביתה משלג״ צו דעם פריהערדיגען פסוק: כפה פרשה לעני?

— שלמה המלך ריהמט דאָ די אשת-חיל, וואָס עפּצנט די טהיר פאַר׳ן אָרימאַן אויך אין ווינטער און האָט נישט קיין מורא, ער זאָל נישט איינריכטען מיט׳ן דרויסיגען שניי איהר רויט-געפאַרבטע פאָדלאָגע...

11

„צווחין אף עקתין״

דעם רב, ר׳ שניאור זלמן פון לאַדי, האָט מען, כידוע, אַרעסטירט פרייטאָג-צו-נאַכט׳ס און אַוועקגעפיהרט קיין פעטערבורג אין אַ וואָגען אום שבת. אויפ׳ן וועג איז אָבער אַנ׳אַקס פון וואָגען צעבראָכען געוואָרען און דער רב האָט דעריבער גע-קאָנט רוהען דעם שבת. דער רב האָט דערויף אויסגעטייטשט-די שטעלע פון „אתקינו סעודתא״: „צווחין אף עקתין בטלין ושביתין״ — אויך די אַקס האָט געשריגען, וואָס מען צווינגט מיך מחלל שבת זיין און דערפאַר האָט זי אויפגעהערט צו אַרבייטען און איך האָב אַזוי אָרום גערוהט...

חכמת אדם און נשמת אדם

אַ חסידישער יונגערמאַן, אַ קעסט-קינד ביי זיין רייכען שווער, וואָס האָט כלומרשט געגאָלטען פאַר אַ לערנער, האָט זיך געריהמט פרייטאָג-צו-נאַכטס אין בית-המדרש פאַר׳ן שעדלי-צער רב, דאָס ער האָט היינט ביי טאָג אַליין גע׳פסק׳ענט אַ שווערע שאלה כהלכה.

וואָסערע שאַלה איז עס געווען* — פרעגט איהם דער רב.

— די דיענסט האָט זיך טועה געווען און געמאַכט דעם קוגעל אין אַ מילכיגען טאָפּ און אַריינגעשטעלט איהם אין טשאָלענט אַריין!

— און וואָס האָסטו גע׳פסק׳ענט ?

— כשר!

— אויף וועלכען סמך? —

— ווייל איך האָב נאָכגעזוכט אין גאַנצען „חיי-אדם״ הלכות שבת און איך האָב דאָרט אין ערגיץ נישט געפונען אַ דין, אַז אַזאַ קוגעל זאָל זיין טריף!

פון דיינע רייד זעה איך — האָט דער רב געענטפערט און דערמיט פערענדיגט דאָס געשפרעך — אַז נישט בלויז „קיין חכמת-אדם״, האָסטו נישט, נאָר אפילו קיין „בינת-אדם״ פערמאָגסטו אויך נישט, אַ שאָד נאָר, וואָס די „נשמת-אדם״ געפינט זיך ביי דיר!

(„חכמת אדם״ און „בינת אדם״ זענען צוויי בעקאַנטע חבורים פון דעם מחבר פון „חיי-אדם״).

II. שמירת־שבת און חלול־שבת

1

א מוסר השכל פון אַ האָהן

דער קעלעמער מגיד האָט אין זיינער אַ שבת־דרשה אויס־געמוסר׳ט די, וואָס קעמען זיך אין שבת, בזה הלשון:

— ויבותי! פאַרוואָס זאָלט איהר זיך נישט אָבלערנען אַ מוסר־השכל פון דעם האָהן, וואָס הייסט אויף לשון־קודש אויך „גבר״, ווי איהר מענשען, און האָט דערצו שטענדיג ביי זיך אַ קאַם און פונדעסטוועגען קעמט ער זיך נישט אום שבת.

2

ער איז שוין נישט קיין קינד ערלויבט ער זיך בת אַ זינד

אַנ׳אַלטער משכיל, אַ מחלל־שבת׳ניק, האָט אַמאָל געשטראָפט זיין בנ׳אָק, פאַרוואָס ער שרייבט אין שבת.

פרעגט איהם אַ יוד, אַ חסיד:

— און איהר אַליין טהוט דען נישט דאָס זעלבע? איהר אַליין רויכערט דען נישט בפרהסיא פאַפּיראָסען אין שבת?

- איך, שוין אַנ׳עלטערער יוד, מעג! — האָט דער אַל־טער געענטפערט — ווייל עס שטעהט דאָך אין דער תורה: ושמרו בני ישראל את השבת נאָר די „קינדער״ פון ישראל

מוזען היטען דעם שבת, אָבער איך בין שוין, דוכט זיך, גאַנץ ווייט פון צו זיין קינד!..

3

ער וויל נישט קיין מתנה, ער וויל לעבען מאה שנה

אַ קלוגער אפיקורס האָט אַמאָל פערענטפערט זיין חילול־שבת דערמיט, וואָס ער וויל לאַנג לעבען: וואָרום די גמרא זאָגט: גאָט האָט געזאָגט צו די יודען: אַ טייערע מתנה האָב איך געהאַט אין מיין אוצר „שבת” איז איהר נאָמען. און די מתנה האָב איך אייך, יודען, אַוועקגעשענקט. היינט־זשע ווען איך וויל אָבער די מתנה נישט נעהמען, וועל איך דערפאַר לאַנג לעבען, אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: ושונא מתנות יחיה...

4

אַז מען פערגעסט, קומען אומגעבעטענע געסט

דריי בחורים, אַפיקורסים, האָבען זיך אַמאָל שבת בעהאַלטען אין אַ חדר׳ל און גענומען רויכער׳ן פּאַפּיראָסען, דורך אַ טעות האָבען זיי אָבער פערגעסען צו פערשליסען די טיר. פּלוצלונג פּראַלט זיך אויף די טיר, עס שטופּט זיך אַריין אַ חברה יודען, וועלכע האַבען, א פנים, דערשנאַפּט, וואָס די אַפּיקורסים טהוען דאָ, און מ׳נעמט איינציגווייז די בחורים אויף אַ „משכנתא”, ווען דער ערשטער בחור האָט דערשפּירט דעם ערשטען קלאַפּ האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד: יודען, רחמנים, לאָזט מיך אָב! איך בין אונשולדיג, איך האָב פּער־געסען!..

— וואָס האָסט דו פערגעסען? — האָט מען איהם געפרעגט.

— איך האָב פּערגעסען, אַז עס איז היינט שבת! — דער עולם לאָזט איהם צורוה און נעהמט זיך צום צווייטען אפיקורס.

אָבער אויך ער שרייט אויס:
— איך האָב פערגעסען!
— וואָס האָסט דו ווידער פערגעסען? — פרעגט דער עולם..
— כ׳האָב פערגעסען, אַז שבת טאָר מען נישט רויכערען!
מ׳לאָזט אָב אויך דעם צווייטען אפיקורס און מ׳נעמט זיך צום דריטען תכשיט, אָבער אויך ער זאָגט דעם אייגענעם פזמון.
— כ׳האָב פערגעסען!
— וואָס האָסט דו פערגעסען! — ווערט דער עולם נייגעריג.
— כ׳האָב פערגעסען צו פערשליסען די טיר!..

5

האָט איהר געהערט, ווי אין בערלין מ׳שווערט?

אַ מזרח־יוד געהט שבת אין בערלין אויף דער גרענאַדירענשטראַסע און זעהט ווי אַ צווייטער יוד וויל קויפען ביי אַ יודישע קרעמערקע אַ חלה.
דער קויפער בעטראַכט די חלה און זאָגט:
— ע! דאָס איז נישט קיין פריש געבאַקענע חלה!
די יודענע צעבייזערט זיך און שווערט:
— ווי ס׳איז היינט שבת פון גאָט, ווי די חלה איז היינט געבאַקען!..

6

ווי קומט אַ יוד אין שבת אויף אַ ליציטאַציע?

דער קעלעמער מגיד האָט געוואָלט שבת נאָכמיטאָג זאָגען אַ דרשה אין אַ מזרח-פרייסישער שטאָדט. האָט ער געהייסען דעם דאָרטיגען שמש רופען די יודען אין שוהל אַריין צו דער דרשה. דער שמש איז צוריקגעקומען מיט גאָרנישט און דער-

צעהלט אַז אַלע יודען זענען יעצט פערזאַמעלט אין אַ געוויסען הויף, וואו עס קומט פאָר אַ גרויסע ליציטאַציע.

פאַרנאַכט, ווען די יודען האָבען זיך שוין אָבגעפערטיגט מיט דער ליציטאַציע און געקומען אין שוהל דאַוונען מנחה, האָט דעמאָלט דער מגיד אָנגעהויבען זיין דרשה מיט'ן פסוק: קול אומר קרא — אַ קול זאָגט צום שמש: רוף די יודען אין שוהל אַריין! ואומר מה אקרא כל הבשר חציר — ענטפערט דער שמש: וואָס וועט העלפען מיין רופען, אַז אַלע יודען זענען נאָך איצט פערזאַמעלט אין הויף! וועט איהר אפשר, רבותי, פרעגען: חצר - אַ הויף, איז דאָך אָהן אַ יוד און אין פסוק שטעהט „חציר" מיט אַ יו"ד?

אויך מיר, רבותי, וואונדערט עס: ווי קומט עפּיס אַ יוד אום שבת אין אַ הויף אַריין אויף אַ ליציטאַציע?!...

7

דער מלאך מיכאל — אַ פושע־ישראל

דער קעלעמער איז געקומען אין אַ שטאָדט, וואו דער ראש־הקהל מיט'ן נאָמען ר' מיכאל איז געווען אַ מחלל־שבת בפרהסיא. האָט מען איהם געוואָרענט, אַז ער זאָל נישט וואַגען צו בעריהרען די שענע מעשים פון דאָזיגען ר' מיכאל אין זיין דרשה, ווייל ער קאָן דערפאַר זעהר מיאוס אָבשניידען, ווייל דער דאָזיגער ראש־הקהל איז אַ גבר אלים.

האָט דער קעלעמער מגיד געמאַכט קלוג און דערצעהלט אין מיטען דרשה אַזאַ חלום, וואָס איהם האָט כלומרש'ט מיט אַ שבת פריהער גע'חלום'ט.

— עס האָט זיך מיר שטאַרק פערגלוסט אין חלום — האָט דערצעהלט דער מגיד — צו בעקוקען די זיעבען הימלען. איך האָב דערפאַר געבעטען דעם רבונו של עולם צו געבען מיר דערויף אַנ'ערלויבעניש. האָט השי"ת, נאָך גרויסע תחנונים מיר צוליעב געטהון. ער האָט מיר געגעבען אַ רשות צו בע־זוכען די הימלען, אָבער מיט'ן תנאי, אַז וואָס כ'זאָל דאָרט

נישט זעהן, זאָל איך אויף קיין שום זאַך נישט רעאַגירען מיט קיין וואָרט, נאָר כסדר שווייגען און האַלטען דאָס מויל, וועל איך אָבער יאָ עפענען דאָס מויל, וועט מען מיך דעמאָלט פון די הימלישע הויכקייטען אַראָפּשליידערען ווי אַ שטיינדעל אויף דער ערד!

בין איך אַרויף אויף די הימלען און דערזעהן דאָרט אויסטערלישע זאַכען — ממש סקאַנדאַליעזע מעשים זענען דאָרט פאַר מיינע אויגען אָבגעטוהן געוואָרען. איך האָב אָבער געמוזט וועגען אַלעם מאַכען אַ שווייג. מחמת יעדעס מאָל, וואָס כ׳האָב געוואָלט עפענען דאָס מויל, האָט מיך מיין בעגלייטער — אַ יונג מלאך׳ל — געוואָרענט און דערמאָנט אין מיין התחייבות, אַזוי בין איך אויסגעגאַנגען גאַנצע זעקס הימלען און גאָר נישט געזעהן... ווען איך בין אָבער צוכ סוף אַריינגעקומען אין זיע־בעטען הימעל האָב איך דאָרט געזעהן... שטעלט אייך פאָר, נישט קיין אַנדערען, ווי דעם מלאך מיכאל, זיצט אין שבת און רויכערט אַ פּאַפּיראָס!

דאָ האָט שוין ענדליך געפּלאַצט מיין געדולד און ווען מיין בעגלייטער, זעהענדיג, אַז כ׳וויל עפּעס רעדען, האָט מיך ווייטער געוואָרנט אָן דעם תנאי, האָב איך אויסגעש־ריגען ווי נישט מיט מיין קול, ווען כ׳זאָל אַפילו שוין דאָ אויפ׳ן אָרט דער׳הרג׳עט ווערען, וועל איך זיך שוין מעהר איצט נישט איינהאַלטען, איך מוז אויסשרייען:

— גוואַלד יודען! איהר זאָלט וויסען, אַז אייער ראש, מיכאל, איז אַ פּושע־ישראל — ער רויכערט פּאַפּיראָסען אום שבת!!!...

8

עשה שבתר חול

דער מלבי״ם, אַרויסגעהענדיג פון שוהל שבת, האָט דער־זעהן אויף דער גאָס, ווי אַ יוד בעהט אַ פּאַפּיראָס פון אַ צווייטען יוד, אַ רויכערער. רופט זיך אָב דער מלבי״ם צום בעטער:

— ווי איך זעה האָסטו דעם עשה שבתך חול (ווי בע־וואוסט לערנען אונז די חז״ל אין תלמוד: „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות״ - זאָלסט אַפילו דיין שבת וואָכענדיג מאַכען און צו קיין מענש זאָלסט דו נישט אָנקומען). טאַקע מקיים געווען, דאַגעגען אָבער פון דעם: „ואל תצטרך לבריות״ האָלטסט דו גאַנץ ווייניג...

9

א מתנה — אַוועקלאָזעז מיט׳ן רויך

יודען דערצעהלען, אַז דער רוסישער צאַר, אַלעקסאַנדער דער דריטער, האָט אַמאָל מכבד געווען ר׳ יצחק אלחנן בשעת אַן׳אוידיענץ ביי איהם אום שבת, מיט אַ פּאַפּיראָס און דערביי אַליין אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, כדי דער רב זאָל פעררויכערען, ר׳ יצחק אלחנן האָט זיך פאַר׳ן קייזער ענטשולדיגט, אַז ער קען נישט געהמען דעם קייסער׳ס אַ מתנה און אַוועקלאָזען זי מיט׳ן רויך...

— איך וועל וויסען ווי צו שעצען די מתנה פון אַזאַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן, איך וועל זי אַריינלעגען אין אַ קריסטאַלען שאַכטעל, אַוועקשטעלען אויף אַ בכבוד׳דיגען אָרט און ווייזען מיינע חשוב׳סטע געסט, אַז דער פּאַפּיראָס איז אַ קייזערליכע מתנה — דער קייזער האָט איהם פאַר דאַנקבאַרקייט געדריקט די האַנד.

10

ווען רויכערט אַ פרייער יוד?

דער גאון ר׳ יונתן אייבעשיץ האָט אַרויסגעהענדיג אין יום־טוב פון שוהל נאָכ׳ן דאַוונען, געטראָפען אַ חברה „דייטשען״ שטעהען אין גאַס און רויכערען פּאַפּיראָסען.

— גוט שבת, יודען! — האָט דער רב זיי בעגריסט.

— דער רבי האָט, אפּנים, פּערגעסען, אַז עס איז יום־טוב נישט שבת! — האָבען די חברה זיך צעלאַכט.

— זעהענדיג, אַז איהר רויכערט פּאַפּיראָסען האָב איך געמיינט, דאָס עס איז היינט שבת! – האָט ר' יונתן זיי געענטפערט...

III. שבת-בייטאָג

1

צעבראָכען אַ כלי — אַ גוטער סימן!

די וועלט זאָגט: אויב ביי איינעם ווערט אַ כלי פלוצלינג צעבראָכען איז אַ סימן, דאָס ער איז פערהיט געוואָרען פון אַן׳אומגליק.

אַ רמז דערויף — עס שטעהט אין די פסוקי דזמרה פון שבת: „הפח נשבר ואנחנו נמלטנו״ — אַז דאָס קריגעל (פּח ווי פך—א קריגעל) איז צעבראָכען געוואָרען, זוענען מיר דערפאַר געראַטעוועט געוואָרען... (אַ פאָלקס-וואָרט).

2

איז קדוש

דער ראַדזינער רבי, ר׳ גרשון העניך, וואָס איז געוועזן אַ גרויסער גאון אין לערנען און אין אַנדערע קענטעניסען, האָט ליעב געהאַט צו טשעפּען מיט זיינע סאַרקאַסטישע וויצען אַלע איבעריגע חסידישע רביים פון פוילען.

דער גערער רבי, דער שפת-אמת, וועמען דער ראַדזינער האָט אויך געטשעפּעט, האָט אַמאָל געשריבען וועגען איהם, „הכל יודוך והכל ישבחוך״, אָבער „והכל יאמרו אין קדוש״...

3

רבנים מוזעו האַנדלען מיט הייוועז

ווי בעוואוסט, ציהען די רבנים אין די קליינע שטעדט־לעך זייער חיונה פון דעם הייוועז־מסחר, וואָס איז מאָנאָפּאָלי־זירט אין זייערע הענד. וואו איז דאָ אַ רמז דערויף אין דער תורה?

— עס שטעהט: „ושמרו בני ישראל את השבת לדורותם", איז דער טייטש: די יודען זאָלען נעהמען הייוועז (ושמרו — פון לשון „שמרים" — הייוועז) ביי די דרשנים, רבנים תלמידי־חכמים, אַזוי איז די ראשי־תיבות פון דורותם.

4

אות הוא לעולם

דער בעוואוסטער געלעהרטער, פּראָפ. גאָלדציהער איז געוועזן סעקרעטאַר פון דער בודאַפּעסטער קהלה. אויף דער עלטער איז ער איבערגעגאַנגען אין עמעריטור. ווען דער עולם אינטערעסאַנטען, יודען און יודענעס, זענען צומאָרגענס נאָך זיין צוריקטרעטען פון אַמט געקומען אַהיים צו גאָלדציהער'ן און, ווי דער שטייגער איז, געבעטען פון איהם פערשיעדענע טובות פאַר זיך, האָט דער געלעהרטער דאָן געזאָגט צו זיי הויך אויפ'ן קול:

— אחינו בני ישראל! איהר מיינט אוודאי, אַז איך בין נאָך אָנגעשטעלט אין דער קהלה, אָבער איהר זאָלט וויסען, דאָס „ביני ובין בני ישראל אויס (אות) היא לעולם!...

5

הגבה פון אַ ישובניק

אַ גראָבען יונג, אַ ישוב'ניק, האָט מען אַמאָל שבת אין

שוהל מכבד-געווען מיט הגבה (אויפהויבען דאָס ספר-תּורה נאָכ׳ן לייענען). דער ישוב׳ניק האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, פאַר׳ן אויפהויבען אַ משא, אָ שפּיי געטהון אין זיינע הענד און מיט אַמאָל אויפגעהויבען די תּורה איבער׳ן קאָפּ. ווי דער מנהג איז, האָט דער עולם מתפללים געגומען זאָגען: וזאת התורה... אַזוי ווי דער ישוב׳ניק האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס שרייען זיי „בראַוואָ" פאַר זיין גבורה, האָט ער צו זיי אַ זאָג געטהון:

— דאָס איז ביי מיר נאָך גאָרנישט. איך האָב שוין שווערערע קלעצער אויפגעהויבען!..

6

ווען ס׳קומט צו געלד, איז אַ פערקעהרטע וועלט

אַ מגיד, אַנ׳אורח אין אַ שטאָדט, האָט בעמערקט שבת ביים אַרויסנעהמען די ספר-תּורה פון ארון-קודש, ווי אַלע יודען ריהרען אָן דאָס ספר מיט די הענד און קושען דערנאָך די הענד. פאַר דער דרשה האָט איהם דער גבאי אויך דער-צעהלט, אַז די „עולים לתּורה" בעצאָהלען נישט פאַר זייערע נדרים און „מי שבירך׳ס". דער מגיד האָט אין זיין דרשה אויסגע׳מוסר׳ט די „מי שנדר׳ניקעס" און געזאָגט:

— רבותי! אַ עולם הפוך זעה איך דאָ ביי אייך: בנוהג שבעולם קושט מען מיט׳ן מויל און מ׳גיט מיט די הענד. ביי ביי אייך איז עס אָבער פערקעהרט — איהר קושט מיט דער האַנד און געבען גיט איהר נאָר מיט׳ן מויל...

7

צו וואָס צוויי יקום פורקנ׳ס:

— פאַר וואָס זענען עפּעס דאָ צוויי יקום פורקנ׳ס?

— טאָמער וועט איינער אַוועק, זאָל דער צווייטער בלייבען!

— טאָ פאַר-וואָס איז נישט מעהר דאָ ווי איין „מי שבירך״?

— עס זענען טאַקע אויך געווען צוויי „מי שבירך׳ס״, ווען איינער איז אַוועק, איז געבליבן בלויז דער צווייטער...

8

ווען איז דער מולד?

ביי פראָסטע מענשען, נישט קיין בני-תורה איז עס אַ שווערער ענין צו דערגעהן, בעת׳ן ראש-חודש-בענשען אין שבת-מברכים, ווען דער מולד פאַלט אויס. דאַגעגען רבנים און לומדים פעראינטערעסירען זיך דערמיט גאַנץ ווייניג. אַזוי-אַרום זענען שוין אַ סך גדולים געבראַכט געוואָרען אין פערלעגענ-הייט צוליב דעם, וואָס זיי האָבען נישט געקאָנט ענטפערען אויף דער פראַגע: ווען איז דער מולד? און דער עולם האָט זיי דערפאַר פון דעמאָלט אָן געהאַלטען פאַר אויס גדולים. ס׳איז אַ פאַקט, אַז דער גרויסער ר׳ חיים וואָלאָזשינער איז נישט געוואָרען רב אין ווילקאָמיר נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געקאָנט ענטפערען אויף אַזאַ פראַגע. פון ר׳ יושע בערן דעם בריסקער רב, דערצעהלט מען, ווי-אַזוי ער האָט זיך אָבער דורך קלוגע איינפאַלען צוויי מאָל אַרויסגעדרעהט פון אַזאַ קשיא און געבליבען דער זיגער:

אַן׳אַלטער בריסקער בעל-הבית איז צוגעקומען צום רב אין בית-המדרש און געפרעגט:

— רבי, ווען איז דער מולד?

האָט זיך ר׳ יושע-בער צעבייזערט אויפ׳ן פרעגער:

— אַ חרפה און אַ בושה, אַז אַזאַ אַלטער יוד זאָל נאָך אַלץ נישט וויסען ווען דער מולד איז!...

דער פרעגער האָט זיך פון איהם בחרפתנו גיך אָבגע-טראָגען...

אַ צווייט מאָל ווידער, האָט מען די זעלבע פראַגע גע-שטעלט ר׳ יושע-בערן אין אַ שבת-מברכים ביים דאַווענען בשעת

זיין אויפהאַלטען זיך אין אַ דאָרף זומער-צייט. ר׳ יושע-בער האָט געענטפערט, אַז דער דין איז, דאָס מ׳טאָר נישט פסקע-נען אַזאַ שאלה פון אויסענווענדיג קוים איז דאָ אַ לוח אויפ׳ן אָרט!

די דאָרפס-לייט האָבען גענומען נישטערען און זוכען אין זייערע שטובען און האָבען קיין לוח נישט געפונען. ערשט דעמאָלט האָט ר׳ יושע-בער געזאָגט, ווי עס איז איהם איינגע-פאַלען, זייענדיג זיכער, אַז קיינער וועט איהם נישט כאַפּען ביי קיין טעות...

9

בראשית, נישט שמות!

אין שבת-בראשית איז דער גבאי פון דער שעדלעצער שוהל אַרויפגעגאַנגען פאַר׳ן לייענען אויפ׳ן בעלעמער און גע-נומען אַרויסלייענען פון אַ פאַפּיר די נעמען פון די „שעהנע יודען״, וואָס וועלען היינט עולה לתורה זיין, האָט זיך דער שעדלעצער רב אויפ׳ן גבאי אָנגעבייזערט:

— היינט לייענט מען דאָך „בראשית״ און דו לייענסט גאָר „שמות״ (נעמען)!?..

10

אַנ׳עירוב און אַ פייג.

אַנ׳אפיקורס האָט געפרעגט ר׳ שמואל מאָהליווער:

— זעהט-נאָר וואָסערע נאַרישע דינים עס געפינען זיך אין שולחן-ערוך! אַז דער דראָהט פון עירוב ליגט אויפ׳ן סאַמע שפּיץ פון דער „לחי״, איז עס מותר און מ׳מעג דאַן טראָגען אין שבת. קוים איז ער אָבער פערפעסטיגט פון דער זייט פון דער לחי, איז עס שוין אסור, וואָס איז דאָ די נפקא-מינה?

— און דו ביסט שוין יאָ אַזוי קאָנסעקווענט און לאָגיש אין אַלעם — האָט געענטפערט דער רב — זאָג מיר, כ׳בעט דיך

פאַר וואָס ווען איינער ווייזט דיר אַ פויסט, מאַכסט דו דער־פון גאָר קיין ווערטן נישט, דאַגעגען, ווען ער ווייזט דיר אַ פייג ?...

11

שינה בשבת תענוג

דער בעוואוסטער גאון, ר' חיים וואָלאָזשינער, איז אַריינ־געקומען שבת בייטאָג אין בית־המדרש און געטראָפען דאָרט עטליכע פון זיינע ישיבה־בחורים זיצען און שמועסען ספורים און פוסטע מעשיות. האָט זיך ר' חיים'קע אויף זיי געבייזערט:

— ווי פאַסט עס פאַר אייך, בני תורה, צו פערברענגען אין שבת די צייט מיט אַזעלכע הבלים און פּלוידערייען !? עס וואָלט דאָך שוין פאַר אייך גלייכער געווען, ווען איהר שלאָפט ערשט, דאַן וואָלט איהר כאָטש מקיים־געווען די ראשי־תיבות פון שבת: „שינה בשבת תענוג"!

איינער פון די ישיבה־בחורים איז דרייסט געוואָרען און זיך אָבגערופען צום גאון:

— רבי, אפשר איז גאָר דער ראשי־תיבות פון שבת: שיחה (שמועסען) בשבת תענוג? זענען דאָך אַ טייל פוסקים מתיר צו רעדען פּאָליטיק און דערצעהלען מעשיות אין שבת פאַר די יודען, וואָס האָבען דערין אַ תענוג ?

ר' חיים האָט דערויף געענטפערט:

— שלמה המלך זאָגט: „לב חכם לימינו ולב כסילים לשמאלו". איז דער טייטש דערפון אַזוי: דער קלוגער נעהמט דעם שי"ן פון שבת אויף רעכטס (שין ימנית) און זאָגט: שינה בשבת תענוג. דעם טיפש ווידער געפעלט בעסער צו נעהמען דעם שי"ן פון שבת אויף לינקס (שין שמאלית) און מאַכט דערפון: שיחה בשבת תענוג...

12

צדקתך צדק

אויף אַ רב, אַ לוקח שוחד, האָט אַמאָל דער גאון ר׳ אייזיל חריף געזאָגט אַ גלייכווערטעל:

— דער רב האָט געטהון שלא כדין: ער האָט געזאָגט „צדקתך צדק״ פאַר (א) מנחה...

13

אדם ובהמה

אַנ׳אויפגעקומענער גביר, אַ גרויסער עם־הארץ, האָט זיך געקויפט אין דער ניי־אויפגעבויטער שוהל אַ „שטאָדט״ נעבען רב. שבת צו מנחה, בשעת׳ן זאָגען פון צדקתך צדק, פרעגט ער דעם רב:

— רבי! עס אַהרט מיך אַ קשיא: עס שטעהט „אדם ובהמה״, ווי שטעלט עפּעס אַנידער דער פסוק אַנ׳אדם נעבען אַ בהמה?

— מעגליך — האָט געענטפערט דער רב — אַז די בהמה האָט זיך געקויפט אַ „שטאָדט״ נעבען דעם אדם...

14

נוץ און צוץ

כידוע, ווען ס׳איז דאָ אין שוהל שבת צו מנחה אַ חתן זאָגט מען נישט קיין צדקתך צדק. אין אַלטען ספר „מהר״יל״ שטעהט דערויף אַ ווערטעל: במקום נוץ אין אומרים צוץ.

דער זין דערפון איז אַזוי: ווען ס׳איז דאָ אַ חתונה — (noce איז אויף פראַנצויזיש: אַ חתונה). זאָגט מען נישט קיין „ציץ״ וואָס זיין ראשי תיבות איז צדקתך צדק.

פרק IV.

1

ער ווייס נאָר איין שטיקעל: משה ביקעל

אין פוילען רופט מען אַן'עם־הערץ: משה ביקעל. דאָס זאָל שטאַמען פון אַזאַ געשיכטע:

אַן'אויפגעקומענער גביר, אַ גראָבער יונג, האָט געוואָלט נעהמען פאַר זיין טאָכטער אַ חתן, אַ וואויל לערנער. ער האָט דערפאַר געבעטען דעם שוחט פון שטאָדט, ער זאָל איהם אויס־זוכען אַ בחור, אַ תכשיט. אַזוי ווי דער שוחט האָט אָבער גע־האַט עפּעס אַ בייז האַרץ אויפ'ן גביר, האָט ער איהם אָבגע־נאַרט און אויסגעקליבען פאַר איהם אַ חתן אַ מגושמ'דיגען גראָ־בען יונג. ווען ער האָט נאָך גרויסער מיה אויסגע־לערענט זעהר אַ שען פשט'ל, כדי ער זאָל עס זאָגען ביים קבלת פנים אין דער נאַכט פון דער חופה פאַר'ן שטאָדט־רב. דעם רב איז ווירקליך דאָס פשט'ל שטאַרק געפעלען געוואָרען. ער האָט אָבער, כנהוג, אויך געוואָלט אַרויסווייזען זיין חריפות און דערפאַר גענומען אָבפרעגען דאָס פשט'ל מיט פלפול־קשיות. דאָ האָט אָבער דער בלאָטער געפּלאַצט: דער חתן אַ צעטומעלטער פון די געשטעלטע קשיות האָט זיך ענדליך דערבייזערט:

— לאָזט מיך אָב מיט אייערע תורות! מען האָט מיך געלערנט נאָר: „משה ביקעל”! — געמיינט האָט ער דעם אָנ־

הויב פון פרק: משה קבל, וואָס איז ביי איהם אין מויל פער־דרעהט געוואָרען אויף „משה ביקעל"...

2

ווען ביתך פתוח לרוחה קען נישט זיין קיין הצלחה

פונוואַנען איז געדרינגען, דאָס אויב איינער פיהרט זיך צו ברייט וועט ער אין גיכען פעראָרימט ווערען?

עס שטעהט אין פרק „יהי ביתך פתוח לרוחה ויהי־עניים בני ביתך!...

3

פון וואַנען איז געדרינגען דאָס א רב איז על־פי־רוב אַנ־אָרימאַן?

עס שטעהט: ושנא את הרבנית ואל תתודע לרשית—אויב דו וועסט פיינד האָבען דאָס רבנות וועסט דו נישט וויסען פון קיין אָרימקייט (לרשות פון לשון רש אַנ'אָרימאַן).

4

הפה שאסר, הוא הפה שהתיר

אויפ'ן פסוק פון דער תורה על כן יעזוב... ודבק באשתו, האָט דער בעקאַנטער לץ, מרדכי ראַקאָווער, פאַראַפראַזירט אַמאָל זייענדיג בגילופין... דעם קל וחומר פון פרק: („ואל תרבה שיחה עם האשה באשתו אמרו קל וחומר באשת חברו") — באשתו אָמרו, קל וחומר באשת חברו... ווי דער רבי פון לו־בלין איז געוואויר געוואָרען פון דאָזיגען מרדכי ראַקאָווער'ס שענעם קל־וחומר, האָט ער שוין מעהר פון איהם נישט גע־וואָלט וויסען. דער געניאַלער לץ האָט איהם צוגעשיקט אַ בריף, אין וועלכען עס זענען געשטאַנען בלויז די פאַראַפראַזירענדע ווער־טער פון סוף „המבדיל":

— „סלח נא על קל וחומר״!..

דעם רבי׳ן פון לובלין האָט הנאה געטהון מרדכי׳ס שריי־בען און זיך מיט איהם גלייך איבערגעבעטען.

5

אַ קשיא אויפ׳ן פרק

אַן׳אַלטער באַלאַבאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען למדן, האָט געפרעגט אַזאַ קשיא:

— פאַרוואָס זומער, ווען די טעג זענען לאַנג, זאָגט מען שבת אין פרק: „היום קצר״ — דער טאָג איז קורץ, און ווינ־טער ווען די טעג זענען קורץ זאָגט מען גאָר אין „ברכי נפשי״: „זה היום (הים) גדול״ — דער טאָג איז גרויס!...

6

דער עיקר פעהלט

ר׳ הערש לייב וואָלאָזשינער זייענדיג אין קעניגסבערג, האָט בעזוכט דאָרט די דייטשע סינאַגאָגע, אָדער רעפאָרם־טעמ־פעל, אַ זעהר שענער און פּרעכטיגער בנין. אויפ׳ן סופיט זע־נען געווען קינסטלעריש אויסגעמאָלט אַ לעמפערט מיט דער אויפשריפט: עז כנמר (שטאַרק ווי אַ לעמפערט), אַ לייב — גבור כארי, אַן׳אָדלער — קל כנשר און אַ הירש מיט דער אויפשריפט: רץ כצבי. ר׳ הירש לייב האָט דאַן געזאָגט:

— ווי איך זעה, זענען דאָ אויפ׳ן סופיט אויסגעמאָלט אַלע ווערטער פון יהודא בן תימא אין פרק. עס פעהלט אָבער דערצו דער סוף, וואָס עס איז דער עיקר פון זיין גאַנצען מאמר: „לעשות רצון אביך שבשמים״...

ברוך געהט אַראָב

אין קאָברין איז געווען אַ יוד מיט'ן נאָמען ר' ברוך, אַ גרויסער עם-הארץ, אָבער אויך אַ גרויסער עזות-פּנים, וואָס איז געווען בבחינת הדיוט קופץ בראש: אומעטום. אויף יעדער פערזאַמלונג, האָט איהר געקאָנט געפינען דעם דאָזיגען אומגע-בעטענעם גאַסט זיצען בראש און זאָגען דעות. איינמאָל, בשעת אַ גרויסער אסיפה וועגען אַ וויכטיגער קהל'שער זאַך, ביי וועל-כער עס איז אויך אָנוועזענד געווען דער רב ר' אליה שיק, האָט ר' ברוך זיך ווייטער געזעצט אויבענאָן און גענומען זאָ-גען דעות. האָט דאָס דעם קלוגען רב שטאַרק פערדראָסען און ער האָט זיך אָבגערופען אַזוי:

— אין פּרק שטעהט: שנו חכמים בלשון המשנה ברוך... איז דאָך שווער — ווי קומט עפּעס „ברוך" צו די חכמים און צו לערנען בכלל?

איז דער תירוץ: ברוך געהט אַראָב!

(דער גאון האָט געמיינט, אַז דאָס וואָרט „ברוך" געהט אַראָב און איז נוגע די ווייטערדיגע ווערטער: ברוך שבחר בהם)...

8

כדי תורה זופען, מעג מען זיך שטופּען

ווען ר' נפתלי ראָפּשיצער איז נאָך געווען אַ נישט בע-קאַנטער יונגערמאַן, האָט ער זיך אַמאָל שטאַרק געשטופּט ביי זיין רבינ'ס „טיש", כדי צו הערען דעם רבינ'ס תורה-זאָגען.

אַנ'עלטערען אָנגעזעהענעם חסיד האָט פערדראָסען דאָס שטופּען זיך פון דעם יונגען ר' נפתלי, האָט ער זיך צעבייזערט:

— דרך-ארץ, שנעק! וואָס עפּעס אַזאַ שטופּעניש!? — ר' נפתלי האָט איהם געענטפערט.

— אַפנים, דאָס איהר האָט פערגעסען, וואָס עס שטעהט אין פרק (פרק ששי): „והתורה נקנית במיעוט דרך ארץ"...

9

א רבי קומט נישט צו חכמים

אין פרק שטעהט דאָס, ווען מ'האָט געפרעגט ר' יוסי בן קיסמא: רבי, מאיזה מקום אתה — פון וועלכער שטאָדט איז דער רבי? האָט ער געענטפערט: מעיר גדולה של חכמים וסופרים אני — כ'בין פון אַ שטאָדט, וואו עס געפינען זיך אַ סך חכמים און געלעהרטע!

פרעגט די וועלט דערויף אַ קשיא: די תשובה איז דאָך גאָרנישט ממין השאלה: מ'האָט איהם געפרעגט, ווי הייסט זיין שטאָדט און ער האָט דערויף קיין שום נאָמען נישט אָנגערופען?

נאָר דער תירוץ איז אַזוי: ר' יוסי האָט פערשטאַנען, אַז דער פרעגער נעהמט איהם אָן פאַר אַ חסידישען רבי און פרעגט איהם, אין וועלכער שטאָדט ער פראַוועט טיש, דערויף האָט איהם ר' יוסי געענטפערט:

— איך בין פון אַ שטאָדט, וואָס איז פול מיט חכמים און סופרים, און אין אַזאַ שטאָדט איז דוכט זיך, נישטאָ קיין אָרט פאַר חסידישע רביים!

V. מוצאי־שבת

1

נישט פאַר אַלע איז דאָ מכּות...

אַ גרופּע הפקר־יונגען און לצים האָבען, טרעפענדיג דעם קעלצמער מגיד זאָגען אין מוצאי־שבת „ויתן לך", איהם גע־פרעגט:

— זאָגט אונז, רבי, דעם טעם, פאַרוואָס האָט מען עפּעס די עשר מכּות אַריינגעשטעלט אין דער הגדה און נישט אין „ויתן לך" (דערביי האָבען זיי שטאַרק אַקצענטירט דאָס וואָרט לך" — צום מגיד)?...

דער מגיד האָט זיי אָבגעענטפערט:

— ווען די מכּות וואָלטען געשטאַנען אין „ויתן לך" וואָלט עס דאַן געקלעקט נישט מעהר ווי פאַר איין הפקר־יונג, ווען זיי שטעהען אָבער אין דער הגדה, איז דאָ דערפון איינ־צוטיילען אייך אַלע, אַזוי ווי עס שטעהט דאָרט: לך ולך, לך כי לך, לך אף לך...

2

ר' יוחנן — וואָן! און ר' ישמעאל — וואָן!

אַ ישוב'ניק, אַ גרויסער עם־הארץ, האָט געגעבען זיין צעשיטען קרבן־מנחה־סידור צו אַנ'איינבינדער איינצובינדען.

אַזוי ווי ער איז געווען נישט קיין גרויסער קענער אין עברי־זאָגען, האָט ער דערפאַר געבעטען דעם איינבינדער אַרויסצו־נעהמען פון סידור דאָס בלעטעל „ר׳ ישמעאל אומר בשלוש עשרה מדות התורה נדרשת״, וואָס איז איהם שווערער געווען צו זאָגען פון גאַנצען סידור. דעם איינבינדער איז אָבער אַ שאָד געווען דאָס בלאַט, האָט ער עס צוגעבונדען ביי „ויתן לך״ צום „אָמר ר׳ יוחנן — בכל מקום״.

שבת צו נאַכט׳ס, ווען דער ישוב׳ניק איז געקומען צום „ויתן לך״, דערזעהט ער, אַז ביים „אָמר ר׳ יוחנן״, וואָס איז איהם צוליב זיין שווערען עברי שטענדיג געלעגען ווי אַ ביין אין האַלז, געפינט ער אויך זיין פערהאַסט בלעטעל „ר׳ ישמעאל אומר״. פאַר כעס האָט ער מיט׳ן אויסגעשריי: „ר׳ יוחנן — וואָן, און ר׳ ישמעאל — וואָן״, אַרויסגעריסעןביידע בלעטער פון סידור...

3

פאַרוואָס האָט אַנ׳אָרימאַן אַ סך קינדער?

פאַרוואָס האָט אַנ׳אָרימאַן אַ סך קינדער?

— ווייל אַנ׳אָרימאַן יאָגט זיך שטענדיג און איז רק אין איין איילעניש, דערפאַר ווען עס קומט שבת־צו־נאַכט׳ס, וואַרט ער נישט ביז עס ועט ווערען גוט פינסטער, נאָר גיט אַ כאַפּ־אַריין די הבדלה און זינגט געשווינד אָב: ז׳ענו וכספנו ירבה כחול (גאָט זאָל אונז געבען קינדער און געלד ווי זאַמד).

פון הימעל ענטפערט מען איהם דערויף: „אַזוי ווי עס איז נאָך איצט ביי אַנדערע יודען שבת, דעריבער קאָן מען דיר נישט געבען קיין געלד, אָבער אַ סך קינדער האָסטו יאָ אויסגעצ׳פועל׳ט״...

דער גביר אָבער מאַכט הבדלה, ווען עס איז שוין לכל הדיעות אויס שבת און ווען ער זינגט דאַן דעם אייגענעם פזמון פון: „זרענו וכספנו ירבה כחול״, ענטפערט מען איהם

פון הימעל: „קינדער האָט דיר שוין דער אָרימאַן אויסגעכאַפּט, אָבער געלד קאָנסטו דערפאַר בעקומען וויפיעל דיין האַרץ גלוסט״!..

4

קידוש און הבדלה

ר׳ **חיים וואָלאָזשינער** האָט געזאָגט אַ גלייכוועַרטעל: ווען יודען מאַכען ביי זיך נישט קיין קידוש, ד. ה. זיי זענען נישט מקיים דעם געבאָט: קדושים תהיו, דאַן מאַכען איבער זיי די גויים הבדלה ד. ה. די גויים שטויסען אָב פון זיך די יודען, באָיקאָטירען זיי און דערווייטערען זיי פון אַלע צווייגען פון לעבען...

5

אַ שאלה איבער דער הבדלה

אַ דינסט-מיידעל איז געקומען צו ר׳ יהושע׳לע קוטנער אַ שאלה פרעגען, באשר דער בעל-הבית האָט אומגערען אויס-געגאָסען אַביסעל פון דער הבדלה אויף עטליכע טעלערס.

האָט דער עולם אָנוועזענדע גענומען לאַכען פון דער נאַרישער שאלה פון באַאיוועץ מיידעל און האָבען גערעכענט, אַז נישט אַנדערש, נאָר דער בעל-הבית האָט געוואָלט אָבשפּאַסען אַ ביסעל פון איהר און דערפאַר האָט ער זי געשיקט פרעגען אַזאַ נאַרישקייט,

ר׳ יהושע׳לע האָט אָבער מיט זיין שאַרפען שכל יאָ תופס געווען דעם מהות פון דער שאלה און זיך אָבגערופען צו די אָנוועזענדע:

— וואָס איז מיט אייך דאָס געלעכטער? מסתמא האָט דער בעל-הבית געמאַכט הבדלה נישט אויף וויין, נאָר גאָר אויף מילך און בשעת מעשה האָט ער אומגערען אַרויפגעגאָסען אַביסעל מילך אויף פליישיגע טעלערס. געה אַהיים, טאָכטערשי

— האָט ער זיך געווענדעט צום פערשעמטען מיידעל — און זאָג, מען זאָל די טעלער אָבשווענקען און ס'וועט אַלץ זיין כשר!

6

א תורה פון א יודענע

ר' זלמן פויזנער, דער בעקאַנטער וואַרשאָווער גביר און מתנגד, האָט אַמאָל געטשעפּעט דעם אַלטען וואָרקער רבי ר' יצחק און איהם געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט דאָס וויב געזאָגט צום איש חסיד: „ותורה מצאת כי יגעת מה נאכל מעתה" — לערנען קאָנסטו, טאָ וואָס וועלען מיר איצט עסען? אַז מען קען לערנען — איז עס דען אַ חסרון צו פּרנסה?

ווען דער וואָרקער רבי האָט איהם דערויף גאָרנישט גע-ענטפערט, האָט ר' זלמן ווייטער געזאָגט:

— דער תירוץ איז אַזוי: כידוע קענען די רביים נישט לערנען, דערפאַר האָט איהם דאָס וויב געגעבען צו פערשטעהן ווי שלעכט זייער מצב איז, דאָס אַפילו קיין רבי קאָן ער אויך נישט ווערען צוליב זיין לומדות...

דערויף האָט דער וואָרקער רבי אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט:

— עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַזאַ למדן ווי ר' זלמן איז — נאָכצוזאָגען אַ תורה פון עפּעס אַ יודענע!

7

ער זעהט שטערן אויף בייטאָג...

דעם בעריהמטען שרייבער און געלעהרטען חיים זעליג סלאָנימסקי האָט אַמאָל דער שריפטשטעלער יעקב פּאַפּירנא גע-טראָפען רויכערען אַ ציגאַר שבת נאָכמיטאָג.

— אויף מיר ברויכסטו זיך גאָרנישט צו תידוש'ן! —

האָט סלאָנימסקי געזאָגט צו פּאַפּירנאַ׳ן. — ווייל איך בין דאָך אַנ׳אַסטראָנאָם, זעה איך שטערענס אויפ׳ן הימעל אויך בייטאָג...

8

דאָס פאָלגענדע פאָלקס־ליעדעל בעציהט זיך אויף ויתן לך:

ויתן לך
קיין געלד איז נישט דאָ
מטל השמים
נישט דאָ וואו צו לייהען
ומשמני הארץ
עס איז נישט דאָ קיין פּריץ.

ב

ראש־השנה פאָלקלאָר

1

אבינו מלכנו — כי אין בנו מעשים

צום סוף פון די „אבינו־מלכנו׳ס שטעהט: „אבינו מלכנו חננו ועננו כי אין בנו מעשים עשה עמנו צדקה וחסד והושיענו״, וואָס מ׳זאָגט אין דער שטיל, קיינער זאָל די ווער־טער נישט הערען.

דער דובנער מגיד האָט געזאָגט אַ משל פאַר וואָס זאָגט מען אָט דעם לעצטען „אבינו מלכנו״ בלחש:

אַ פראָווינצער מאַנופאַקטור־סוחר איז געקומען קיין וואר־שא און אויסגעקליבען פאַר זיך אין אַ מאַנופאַקטור מאַגאַזין אַ פעקעל סחורה. דער דאָזיגער סוחר, וואָס האָט שטענדיג גע־קויפט אין זעלבען מאַגאַזין סחורה פאַר קאָסע (באַרעס־געלד), איז אָבער בנתים פעראָרימט געוואָרען און נישט געהאַט באַלד אויפן אָרט מיט וואָס צו בעצאָהלען פאַר די סחורה, ער האָט דערפאַר, נאָכ׳ן איינפּאַקען און אָברעכענען די סחורה, איינגע־בויגען זיך צום שעף פון מאַגאַזין און איינגערוימט איהם אויפ׳ן אויער, אַז ער האָט יעצט ביי זיך נישט קיין געלד און געבעּ־טען בתחנונים צו געבען איהם די סחורה בהקפה, ער וועט דערפאַר ווי אַמגיכסטען בעצאָהלען.

דער נמשל איז: די יודען האָבען אין די ביז יעצטיגע „אבינו־מלכנו׳ס״ געהייסען זיך דערלאַנגען פון כל טוב: חיים טובים, גאולה וישועה, פרנסה וכלכלה א. ד. גל. האָבען זיי

אָבער מורא, אַז דער רבש״ע זאָל נישט אַמאָל אַ פרעג טהון: פאַר וועלכע מצוות און מעשים טובים קומט אייך דאָס אַלץ? — זאָגען זיי דערפאַר אין דער שטיל, ווי יענער פראָווינצער סוחר'ל: חננו ועננו כי אין בנו מעשים... ד. ה. גיב אונז דערווייל, טאַטע-פאַטער אין הימעל, דאָס אַלץ אַ גמילות-חסד'ל, מיר וועלען דערפאַר שפּעטער בעצאָהלען...

2

דריי נסים

דריי נסים זענען געשעהן אין ראש-השנה: איין נס איז געשעהן דעם רבונו של עולם, דער צווייטער — די יודען, דער דריטער — להבדיל דעם שטן.

דעם רבש״ע איז געשעהן אַ נס, וואָס מ'האָט יצחק'ן נישט געשחט'ן אויף דער עקידה. ווארום מה-דאָך אַז מ'האָט איהם נאָר בלויז געפיהרט צו דער עקידה, האַלטען די יודען אין איין מאָהנען ביי גאָט: זכור לנו עקדת יצחק; ותראה לפניך עקידה א. אז. וו. א. אז. וו. הייגט-זשע וואָס וואָלט נאָך געווען, ווען מ'וואָלט נאָך חלילה יצחק'ן באמת געשחט'ן? דאַן וואָלט זיך שוין דער רבש״ע דערפאַר קיינמאָל נישט געקאָנט אויסקויפען ביי די יודעלעך!

די יודען איז ווייטער געשעהן אַ נס אין ראש-השנה, וואָס מ'האָט זיי געהייסען זאָגען פאַר די תקיעות זיבען מאָל דאָס קליינע תהלים-קאַפּיטעל: „למנצח לבני קרח" און נישט דעם: „אשרי תמימי דרך", וועלכען זיי וואָלטען בעשטימט נישט געקאָנט אויסזאָגען אין פערלויף פון אַ גאַנצען טאָג...

דעם שטן ווידער איז אויך געשעהן אַ נס, וואָס מען בלאָזט שופר פון דער שמאָלער זייט און דער שטן קאָן אַזוי אַרום אַרויסלויפען דורך די ברייטע זייט. וואָלט מען אָבער געבלאָזען פערקעהרט — פון דער ברייטער זייט, דאַן וואָלט דעם שטן אויסגעקומען נישט אַנדערש ווי אין שופר דער-שטיקט צו ווערען...

אַ דו קאָן נישט ווערען קיין ראָש

דעם בעקאַנטען כּלל פון אונזערע חכמי התכונה: „לא אד"ו ראש-השנה" — (אַז דער ערשטער טאָג פון רה"ש קאָן נישט געפאַלען אין זונטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג), טייטשט אויס די וועלט, אַז קיין „דו" (אַ מענש אין זיין געבורט'ס-שטאָדט, וועמען אַלע דוצען) קאָן אין זיין געבורט'ס-שטאָדט נישט ווערען קיין ראָש...

4

שבת ראש השנה – איז אַ גוטער יום טוב

אַ משנה אין מסכת ראש-השנה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „יום טוב של ראש-השנה שחל להיות בשבת"... פערטייטשט עס די וועלט בדרך הלצה: אַ גוטער טאָג איז דעמאָלט, ווען ראש-השנה געפאַלט אין שבת, ווייל מ'איז פטור פון די תקיעות.

5

היתכן — גאָט זאָל מחלל שבת זיין!

ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו, דער בעקאַנטער מליץ-יושר פאַר יודען האָט ווייטער אַזוי אויסגעטייטשט די משנה: „יום טוב של רה"ש שחל להיות בשבת": — אַז ראש-השנה געפאַלט אין שבת, איז עס באמת פאַר יודען אַ יום-טוב - אַ גוטער טאָג. ווייל דעמאָלט מוז זיי דער רבש"ע אָנשרייבען צום לעבען. ווארום בשלמא צום לעבען מעג ער שרייבען אין שבת, ווייל פקוח-נפש איז דוחה שבת, אָבער למות — וואָלט עס דאָך געווען עכט חלול שבת?!...

6

דער אָבמאַך מיט'ן שטן

איינמאָל אין ראש-השנה האָט דער שטענדיגער בעל-תוקע, אַ זעהר פרומער יוד, וועלכער האָט געהאַט אַ חזקה אויף די תקיעות שוין פון אַ רייהע יאָהרען, בשום אופן נישט געקענט בלאָזען אין שעדליצער שוהל די תקיעות.

ער האָט זיך נעבעך געמאַטערט און געפּרואווט בלאָזען אויף פערשיעדענע שופרות, אָבער -- אומזיסט! עס געהט נישט!

האָט מען באין ברירה געמוזט אין שוהל אָנקומען צו אַ צווייטען בעל-תוקע — אַ יוד אַ קל במצוות און אַ שטיקעל בעל-עבירה, און יענער האָט געבלאָזען אַזוי גלאַט און לייכט -- פשוט אַ מחיה!

האָט זיך דערויף ר' ברוך מרדכי אָבגערופען צו די פער'חידוש'טע מתפללים:

— איהר ברויכט זיך כלל נישט צו וואונדערען, וואָרום די זאַך איז לייכט צו פערשטעהן. ווי בעוואוסט געשעהט עס אָפט, אַז דער שטן זאָל זיך אין רה"ש אַריינלעגען אין שופר און נישט דערלאָזען די תקיעות. אַזוי האָט דער שטן טאַקע געטהון אויך בשעת דער ערשטער בעל-תוקע, דער פרומער האָט גע-וואָלט בלאָזען. דאַגעגען ביים צווייטענס תקיעות האָט זיך דער בעל-תוקע פריהער בעוואָרענט און אַזוי געזאָגט צום שטן: איך האָרך דיך אַ גאַנץ יאָהר, טאָ האָרך דו מיך כאָטש איינמאָל היינט און שטער מיר נישט דאָס בלאָזען! דער שטן האָט איהם צוליעב געטהון און דערפאַר איז דעם צווייטענס בלאָזען דורכגעגאַנגען אַזוי גלאַטיג...

7

אַנ'אורח וואָס בלאָזט פון זיך!

צו ר' יצחק אלחנן, וואָס איז בטבע געווען אַ מכניס אורח, איז אַמאָל געקומען צו-גאַסט אַ ליטווישער רב, וואָס

האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ בעל-גאוה, האָט איהם ר׳ יצחק אלחנן נישט איבעריג מקרב געווען. ווען דער גאַסט האָט איהם אי-בערגעפרעגט, פאַר וואָס ער טראַקטירט איהם אַנדערש פון אַנ-דערע רבנים-געסט, האָט דער גאון געענטפערט:

— שבת קודש איז, ווי בעוואוסט אַ גרויסער מכניס-אורח: פאַלט למשל ראש-חודש אין שבת, גיעט איהם דער שבת אַ בכבוד׳יגען אָרט פאַר זיין יעלה-ויבוא אין די שבת׳דיגע שמונה-עשרה׳ס; קומט צום שבת אַ מעהר חשובער גאַסט, ווי אַ שטייגער אַ יו״ט, דאַן שענקט דער שבת איהם אַוועק אינגאַנ-צען זיינע שמונה-עשרה׳ס; ביים אַנקומען פון חשוב׳סטען או״ח — פון יום-כיפור ווען ער געפאַלט אין שבת, פערציכ-טעט דאַן דער שבת לכבוד דעם אורח אויך אויף זיין גרעסטען תענוג: די אכילה ושתיה. שווער איז דערפאַר, פאַר וואָס איז שבת גאָר נישט נוהג כבוד אויך אין דעם אורח ראש-השנה, ווען ער געפאַלט אין שבת און איז איהם נישט מכבד מיט תקיעת שופר? — איז אָבער דער תירוץ אַזוי: יאָ שבת איז נוהג כבוד באורחים, אָבער — נישט אין אַזאַ אורח, וואָס בלאָזט פון זיך!...

8

אויפ׳ן קאַלטען בלאָזט מען נישט

דער רבי ר׳ בונם האָט געהייסען אין ראש-השנה פאַר די תקיעות דעם בעל-תוקע געהן טובל׳ן זיך אין דער מקוה.

חיות ווי דער טאָג איז פונקט אָבער געווען אַ קאַל-טער, האָט דער בעל-תוקע זיך געפרואווט משתמט זיין צו געהן אין דער קאַלטער מקוה, אויס מורא ער זאָל זיך נישט אַמאָל דאָרט פערקיהלען. האָט דער רבי ר׳ בונם דערויף געזאָגט:

— נו, אַז עס איז קאַלט — בלאָזט מען נישט!...

9

מלאָכים ממינים אויפ'ן טשאָלענט

אַ חסיד, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ שטיק מקובל, האָט געפרעגט דעם בעקאַנטען פלאָצקער רב, ר' לייבעלע ראַקאָווסקי, ביי וואָס זענען בעשעפטיגט די מלאכים: פּצפציה, הדרניאל, טרטיאל, וואָס זענען ממונה אויף תקיעת־שופר און ווערען דערמאָנט אין די „יהי־רצונ'ס" צווישען די תקיעות?

ר' לייבעלע, וואָס איז געווען בטבע, ווי אַלע ליטווישע רבנים, אַ מתנגד און דערפאַר נישט געהאַלטען פון די אַלע „יהי־רצונ'ס" און „לשם־יחוד'ס", האָט דעם פרעגער געענטפערט בדרך הלצה, אַז די דאָזיגע מלאכים זענען אַ גאַנץ יאָהר ממונה אויף די טשאָלענטער, זיי זאָלען נישט צוברענען אין שבת...

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — האָט אַ פערוואונדערטער ווידער געפרעגט דער חסיד.

— איהר האָט דאָך די בעסטע ראיה דערויף דערפון, וואָס ווען רה"ש געפאַלט אין שבת, בלאָזט מען נישט, ווייל די מלאכים האָבען דעמאָלט נישט קיין צייט — זיי זענען פערנומען מיט אָבהיטען די טשאָלענטער...

10

אַ טייטש פון אַן'עם־הארץ

אַ האַלבער עם־הארץ האָט אַמאָל געטייטשט דעם פיוט פון ראש־השנה: „הממליך מלכים ולו המלוכה" — מען זאָלצט די געזאָלצענע און ס'איז אַלץ נישט געזאַלצען...

11

זאָג: רבש"ע גיב געלד!

אַ חזן, אַ שטיק עם־הארץ, האָט ראש־השנה געדאַווענט שחרית פאַר'ן עמוד און געבראָכען זיך נעבעך די ציין ביים

אַרויסזאָגען די שווערע ווערטער פון פיוט: אלו ואלו בטעם מטכסים... בפצח מפצחים... האָט זיך דער רב אַ ווערטעל־זאָגער און אַ קפדן דערצו, איינגעבויגען צום חזן און געזאָגט:

— וואָס טויגען דיר די שווערע ווערטער: מטכסים און מפצחים? זאָג פּראָסט: רבונו של עולם גיב געלד!...

12

האָסט געהערט אַ שמע־קולנו!

ה' עלזעט אין זיין בוך „דאָס דאַוונען", קומענדיג צו דער שמונה־עשרה־פּאָלקלאָר, ברענגט די פּאָפּולערע רעדענסאַרט: „האָסטו געהערט אַ שמע־קולנו?!" און בעמערקט דערביי, אַז דער טייטש דערפון איז איהם ליידער נישט פערשטענדליך. ה' עלזעט האָט אָבער דאָ געמאַכט אַ פערדריסליכען טעות, מיינענדיג, אַז די רעדענסאַרט בעציהט זיך אויף שמע־קולנו פון דער שמונה־עשרה. אין אמת'ן אָבער בעציהט זי זיך אויפ'ן פּזמון „שמע קולנו" פון די סליחות, וועלכער ווערט, ווי בע־וואוסט געזאָגט זעהר רעש'דיג מיט געוויין און ברען. דעריבער בענוצט דאָס פּאָלקס־מויל די דאָזיגע רעדענסאַרט אויף יעדער סענסאַציאָנעלער און רעש'דיגער ידיעה.

יום־כפור־פאָלקלאָר

1

מ׳פערשטעלט זיך אויך אין יום־כפור

דער קעלעמער מגיד האָט געזאָגט, דאָס **דערפאַר הייסט** יום־כפור אויך „יום־כפורים״, ווייל ער איז גלייך צו פורים (כפורים — ווי פורים). וואָרום אין פורים פערשטעלען זיך יודען ווי גויים, און אין יום־כפור פערשטעלען זיך גויים פאַר יודען...

2

אַ פיש אין וואַסער ציטערט

פאַר וואָס זאָגט מען, אַז אין יום־כפור ציטערט אַפילו אַ פיש אין וואַסער?

— ווייל די יודען האָבען אין ראש־השנה צו תשליך אריינגעוואָרפען אין די וואַסערען גאַנצע פעק מיט חטאים און עונות, דערפאַר ציטערען דאָס אַזוי שטאַרק די פיש אין וואַסער פאַר׳ן יום־הדין...

3

„אני הגבר"

ערב יום-כפור פאַרטאָג האָט ר' מאיר'ל פּרעמישליאַנער דערזעהען ווי אַ בעל-עבירה'ניק איז געקומען צום שוחט מיט זיין כפּרה — אַ ווייסען האָן אין דער האַנד. דער האָן האָט זיך כסדר געריסען, געקרעהט און נישט געלאָזט זיך שחט'ן. האָט זיך ר' מאיר'ל אָנגערופען: איך הער וואָס דער האָן זאָגט (איכה ג'): „אני הגבר" איך האָן. (גברא איז אויף העבּ-רעאיש—אַראַמעאיש: אַ האָן); „ראה עני" (האָב געזעהן מיין קלאָג); בשבט עברתו (מיין בעל-הבית האָט זיך דערבייזערט); „אותי נהג וילך חושך ולא אור" (און מיך געכאַפּט היינט אין דער פריה, ווען ס'איז נאָך גוט פינסטער געווען); „אך בי ישוב" (ער מיינט, אַז דורך זיין שלאָגען מיך פאַר אַ כפּרה וועט ער האָבען אַ תשובה אויף זיינע זינד...); „יהפוך ידו כל היום" (ער דרעהט מיך דערפאַר אַרום זיין קאָפּ); „כי גבר על חטאיו (און זאָגט: זה חליפתי, דער האָן זאָל מכפר זיין אויף מיינע חטאים!...

4

ועכשיו שנוצרתי — די זעלבע קאַרטע

ר' יצחק אלחנן פון קאָוונע האָט אַמאָל געבעטען דעם בעקאַנטען משומד כוואָלסאָן, ער זאָל אינטערוועני רען וועגען עפּעס אַ כלל זאַך אין די העכערע רעגירונגס ספערען. דערביי האָט דער גאון געגעבען איהם אָנצוהערען, אַז צוליעב זיין שמד'ן זיך איז ער דאָך אודאי נושא חן ביי די גויים. כוואָלסאָן האָט איהם אין אַ פאַראַפראַזירענדער פאָרם געענטפערט:

— עד שלא נוצרתי איני כדאי (איידער איך בין געוואָרען אַ נוצרי — אַ קריסט, ווייסט מען דאָך, אַז איך בין געווען נישט אָנגעזעהען); ועכשיו שנוצרתי כאילו לא נוצרתי

און יעצט נאָכ'ן שמד'ן ־ך ווער איך גערעכענט ביי די גויים פאַר דעם אייגענעם יוד ווי פריהער)...

5

דער בעל־עגלה אַנטלאָפען אין בהלה

פאַרוואָס שטעהט גישט אויסגערעכענט אין פיוט: „כי הנה כחומר ביד היוצר", צווישען אַלע איבריגע בעלי־מלאכות אויך דער בעל־עגלה, וואָס אין זיין האַנד געפינט זיך, כידוע דער פאַרשוין אין אַ נישט בעסערער לאַגע ווי דאָס לֵיים אין האַנד פון טעפער?

— אויך דעם בעל־עגלה האָט דער פייטן געהאַט דאָרט אַהין אַריינגעשטעלט, איז ער אָבער אויף להכעיס אַוועקגעפאָהרען.

און פאַרוואָס שטעהען דאָרט אין „כי הנה כחומר" אויך נישט אויסגערעכענט דער שניידער מיט'ן שוסטער?

— ווייל „שעווצי קראַווצי ניע סאָן ליודזשע" (שניידערס, שוסטערס זענען נישט קיין מענשען)!

6

ער קלאַפּט עס זאָל מעהר אַריין

צו וועמען איז געגליכען דער יוד, וואָס קלאַפּט זיך אין יום־כפור: „על־חטא" אויפ'ן האַרצען און האָט דערביי נישט אין זינען קיין תשובה צו טהון?

— צום מילנער, וואָס קלאַפּט אין מעהל־זאַק, כדי עס זאָל אין איהם גרוימער ווערען דער חלל און קאָנען אַריינגעהמען מעהר מעהל!...

7

די הענד — עדות

פאַרוואָס קלאַפּט מען זיך אין יום־כפור „על־חטא" מיט די הענד אויפ'ן האַרצען?

— ווייל די הענד זענען די עדות אויף אַלע בעגאַנגענע חטאים, אַזוי ווי עס שטעהט אין „ונתנה־תוקף”: וחותם־יד כל אדם בו” — יעדער מענש חתמ׳עט אליין אונטער אין ספר הזכרונות זיינע אייגענע זינד, דערפאַר ברויכען די הענד די ערשטע מקיים־פסק זיין איבער׳ן חוטא. ווי עס שטעהט אין דער תורה: יד העדים תהיה בו בראשונה.

8

אַ כוס אין אַ בוכץ

אַ פריץ האָט אַמאָל געפרעגט זיין יודישען אַרענדאַר: וואָס געפעלט דיר בעסער: דער סאָנדגי דזיען (יום־כפור) אָדער וויעלקאַ-נאָץ (פסח)?

— אוודאי וויעלקאַ־נאָץ! - האָט געענטפערט דער אַרענדאַר.

— פאַרוואָס?

— ווייל אין וויעלקאַנאָץ איז — צאָ סלאָוואַ טאָ קיעלי־שעק (וואָס אַ וואָרט דערנאָך אַ כוס וויין), דאַגעגען אין סאָנדני דזיען: צאָ סלאָוואַ טאָ בוכץ (וואָס אַ וואָרט אַ קלאַפּ אין האַר־צען ביי על־חטא)!...

9

לעג נישט אויף מיר דיין על־חטא!

— ר׳ אייזעל חריף, דער בעקאַנטער סלאָנימער רב, איז, זייענדיג נאָך אַ יונגערמאַן, געשטאַנען אַמאָל יום־כפור אין שוהל איינגעבויגען און געזאָגט די שמונה־עשרה. האָט איינער דער־ווייל אויפגעלעגט אויף איהם אַ מחזור און אַרויסגעזאָגט דער־פון די שמונה־עשרה מיט׳ן על־חטא.

ווען ר׳ אייזעל האָט זיך אויסגערוקט האָט ער זיך אָבגע־רופען צו יענעם:

— א חוצפה און אַ העזה! דו זינדיגסט און אויף מיר זאָגסט דו?...

10

אויף פאַלען, איז ער ניט קיין בעלן

אַנ׳אַלטער עם-הארץ, וועלכער איז געשטאַנען יום-כפור אַ גאַנצען טאָג אין שוהל און הייס געדאַווענט, האָט בשום-אופן, נישט געוואָלט פאַלען צוזאַמען מיט אַלע יודען קיין כורעים.

— אַ פאַל איז ווי עס געראָט — האָט ער זיך פערענט-פערט — און דערפאַר וויל איך מיר נישט איינשטעלען דאָס לעבען...

11

טאָמער חלילה וחס, זאָגט דער נגיד הנני העני ממעש...

פאַרוואָס ציטערט אַזוי דער עולם אין יום-כפור בשעתו דער חזן זאָגט דעם „הנני העני (ממעש)?"

— ווייל זיי האָבען מורא, אַז דער נגיד פון שטעדטעל, ביי וועמען עס ליגען אַלע גדנים זאָל אַמאָל נישט אויך אַ גע-שריי טהאָן אין אַ וואָכעדיגען טאָג: הנני העני!...

12

ער מוז, שויז געבען אַ כרוז

אייזיג מאיר דיק, וואָס איז געווען גבאי אין אַ משכילי-שער שוהל, האָט איינמאָל יום-כפור נאָך נעילה אַ קלאַפ גע-טהון אין שולחן און אויסגערופען, אַז איבעראַיאָהר וועט מען זיך שטעלען דאַווענען „כל-נדרי" פונקט זעקס אַ זייגער פאַר-נאַכט.

ווען דער עולם האָט איהם אַ פערחידוש׳טער איבערגע-פרעגט, וואָס בעדייט זיין פריהצייטיגער כרוז, האָט ער געענט-פערט:

– אַזוי ווי איך האָב דאָ אויך מתפללים – „ראָטשניקעס“, וואָס קומען אַהער דאַוונען נאָר פון איין יום-כפור צום צווייטען, בין איך דאָס זיי דערפאַר מודיע ווען מ'וועט זיך שטעלען דאַוונען איבער אַ יאָהר כל-נדרי...

סוכות־פאָלקלאָר

1

סוכות איז אַ מצוה, שאין לה קצבה

דער גאון ר׳ יצחק מאיר פון גער האָט געזאָגט, אַז די מצות סוכה איז די גרעסטע מצוה, ווייל אַ יוד קריכט אין איהר אַריין מיט די שטיוועל..

2

זיצעי - יאָ, עסען — נישט

פאַר וואָס טיילט מען די אָרימע לייט געלד אויף פסח און אויף סוכות — נישט?

— ווייל אין דער תורה שטעהט: „שבעת ימים תאכלו מצות״, דערפאַר זאָרגט מען, אַז אַלע יודען זאָלען האָבען אין פסח צו עסען מצות. דאַגעגען וועגען סוכות שטעהט בלויז: „בסוכות תשבו שבעת ימים״ — איהר זאָלט נאָר בלויז זיצען אין דער סוכה זיבען טאָג, אָבער וועגען עסען „מאן דכר שמיה״! (ווער רעדט דאָרט דערפון?...)

3

מיט די דאַמען, נאָר נישט צוזאַמען

פאַרוואָס פון אַלע ימים טובים הייסט נאָר בלויז **דער יום-טוב** סוכות: זמן שמחתנו?

– ווייל מען זיצט דעמאָלט אין **דער סוכה אָהן די ווייבער...**

4

סוכות אין די שבעת ימי המשתה

אַ חקרן, אַ האַלבער עם-הארץ האָט געזאָגט, אַז אין וואָרט „סכות" איז דאָ אַ רמז אויף די שבעת ימי המשתה. ווייל סכות מאַכט: קול ששון וקול שמחה... און דערפאַר ברויכט מען פונקט ווי מען זיצט אין סוכה **זיבען** טעג, **צו פייערען** אויך שבעת ימי המשתה...

5

אַ ישוב'ניק אַ גאון, דרינגט פון פטמה לחצאין

אַ רב פון אַ קליין שטעדטעל האָט מען דערצעהלט, **אַז** אַ ישובניק פון אַ סמוכ'דיגען דאָרף בענטשט אין סוכות מיט אַנ'אתרוג, וואָס האָט נישט מעהר ווי אַ האַלבען פטום. **האָט** דער רב געשיקט רופען דעם ישוב'ניק און איהם געפרעגט, **ווער** האָט דאָס דיר מכשיר געווען אַזאַ פסול'דיגען אתרוג?

– רבי! – **האָט** דער ישוב'ניק געענטפערט – עס שטעהט דאָך בפירוש אין דאַוונען:

פטמה לחצאין כשרה!!!

6

דיין מוטער, ר׳ פרץ, פערטיידיג אָהן אַ תירוץ!

דער גאון מהר״י מינץ האָט געשריבען צום גאון ר׳ פרץ אין אַ שאלת־תשובה וועגען איסור פון לולבים מורכבים בזה הלשון:

„רבים אומרים זנתה תמר", (לולב איז: כפת תמרים, ד. ה. אַז א לולב מורכב איז פסול.) „ועליך פרץ להפוך בזכותה, אמך היא — לא תגלה ערותה" (און אויף דיר, פרץ, ליגט אַ חוב צו פערטיידיגען זי. וואָרום זי איז דיין מאַמע (זעה בראשית ל״ח) אַז תמר, יהודה׳ס שנור, האָט געהאַט פון יהודה׳ן אַ זוהן און איהם גערופען פרץ...)

7

חתן פטור מקש

אַ מחותן איז געקומען אין חול-המועד סוכות פערהערען אַ חתן אין לערנען. האָט מען אויפגעמישט פונקט די משנה אין דער גמרא סוכה: חתן פטור מק״ש (דאָס לעצטע וואָרט איז ראשי-תיבות (איניציאַלען) פון די ווערטער מקריאת שמע). האָט זיך דער חתן, וואָס איז געווען נישט קיין קליינער עם-הארץ, דערלאָזט אויפ׳ן קול:

„חתן פטור מקש!"

— ווי קומט עפּעס דאָ אַהער: מקש — פון אַ שטרוי — האָקט איהם איבער דער מחותן?

דער חתן פערקלערט זיך אַ ווײַלע און הויבט באַלד אָן אויפסנײַ: חתן פטור מ—ק—א—א—ש.

— וואָס ציהסט דו און דרעהסט אַזוי שטאַרק דעם „מקש" ווי אַ פּזר — פרעגט שוין פערוואונדערט דער מחותן?

— מחותן! — ענטפערט דער חתן טריאומפירענדיג — צי מיינט איהר טאַקע, אַז כ׳בין אַנ׳עם-הארץ און ד׳רזעה נישט

אז אויפ׳ן „מק״ש״ שטעהט דער טראָפּ גרשיים? (דער טראָפּ גרשיים איז עהנלין צו די פּאַסעקלעך פון ראשי-תיבות...)

8

א חכם עסט חלה

אין קהלת, וואָס יודען זאָגען עס אין שבת-חול-המועד-סוכות, שטעהט: כי לא לחכמים לחם (אַז די חכמים האָבען נישט קיין ברויט.) פרעגט די וועלט אַ קשיא: מען זעהט דאָך, אַז אַ סך חכמים זענען גאָר שטיין-רייך?

האָט איינער אַ פּקח געזאָגט, אַז דער פּשט פון פּסוק איז, אַז חכמים עסען נישט קיין ברויט, נאָר — חלה...

9

קרעפּליך עסט מען ווען מ׳שלאָגט

פאַרוואָס עסט מען קרעפּלעך אין פּורים, ערב יום-כפּור און הושענה-רבה?

— ווייל אין פּורים קלאַפּט מען המנ׳ן, און ערב יום-כפּור שלאָגט מען כפּרות און אין הושענה-רבה קלאַפּט מען הושענא׳ס, דערפאַר עסט מען אויך אין דידאָזיגע טעג קרעפּ-לעך, וואָס זענען אָנגעפּילט מיט געהאַקט פלייש...

10

פערציג איז אמאָל, א גוזמא-צאָל

ה׳ יהודה עלזעט, אין זיין בוך „דאָס דאַווענען״ (ז. 86) ברענגט די רעדענסאַרט: „אין סוכות עסט מען די טשטער-דזשעשציע״ (40) מוצא׳ס מיט האָניג״, און בעמערקט דערצו: „דעם חשבון קאָן איך נישט מכוון זיין״.

אין אמת׳ן אָבער ענטהאַלט די רעדענסאַרט אַ גוזמא׳דיגע

צאָהל בנוגע די פיעל סעודות, וואָס מעז עסט אין דער סוכה (ווי בעוואוסט גאַנצע פערצעהן). וואָרום די צאָהל פערציג ווערט בעטראַכט ביי יודען, ווי ביי אַ סך אַנדערע פעלקער, אַלס גוזמא'דיגער ציפער. פערגלייך עס מיט'ן ווערטעל: „ער האָט טשטערדזשעשציע גדולות”. אויך אין אונזער תלמוד געפונען מיר דעם מספר ארבעים אַלס גוזמא (זעה „מבוא האגדית” פון ר' צבי הירש חיות).

ה

שמיני־עצרת
און שמחת־תורה־פאלקלאר

1

אַ וואָרט, באַלד אויפ׳ן אָרט

שמיני־עצרת, אַזוי ווי דער חזן האָט זיך געשטעלט צו מוסף דאַוונען „גשם", האָט באַלד גענומען גיסן אַ שלאַקס רעגען. דער חזן, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ בעל־עבירה, האָט נאָכ׳ן אָבדאַוונען בעריהמט זיך פאַר׳ן רב, דאָס ער איז קענטיג אַ חשוב אין הימעל.

דער רב אַ פּקח, האָט איהם אויפ׳ן אָרט אָבגעענטפערט:

— וואָס איז דער חדוש? אַזעלכע יודען ווי איהר האָבען שוין אַמאָל נישט בלויז אַ רעגען, נאָר אויך אַ מבול געברענגט אויף דער וועלט...

2

ושא נס, צוריק צום אלף־בית

אַ קלוגער מלמד האָט אַמאָל אויסגעטייטשט דעם פּסוק: „תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ גליותנו" פון דער

שמונה־עשרה: ווען עס קומט אָן די צייט פון בלאָזען שופר, ד. ה. ראש־השנה, איז „לחרותנו‟, ווייל איך ווער דאַן פּטור פון חדר מיט'ן קנעלען צוזאַמען. קומט אָבער שמחת־תורה, ווען מען טראָגט פּעהנער, איז שוין „שא נס לקבץ גליותנו‟ — ענדיגען זיך דעמאָלט מיינע פּעריען און איך מוז געהען אויפס׳ סניי צוזאַמענקלאַפּען אַ חדר.

3

אויף דער עלטער ארומשלעפּען זיך?

אַנ'אַלטער עם־הארץ, ווענען מ'האָט שמחת־תורה ביינאַכט מכבד געוועזן מיט אַ הקפה, האָט זיך איינגעשפּאַרט און בשום אופן נישט געוואָלט געהן צוזאַמען מיט די איבריגע מכובדים מקיף זיין די בימה מיט דער ספר־תורה אין דער האַנד.

— וואָס! — האָט ער זיך הויך צעבייזערט — אויף מיין עלטער הייסט איהר מיך גאַר אַרומשלעפּען זיך...

4

די תורה ברענגט איהם פּערדינסטען

שמחת־תורה האָט אַ בעוואוסטער שווינדלער און דרעהי־קאָפּ געכאַפּט אין שוהל אַ ספר־תורה און זיך געלאָזט מיט איהר אין אַ ריקוד'ל און כסדר צוגעזונגען: שישו ושמחו בשמחת התורה. האָט איהם דער רב געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, עם־ארץ, די שמחה? האָסטו דען אַמאָל געלערנט אין דער תורה, ווייסטו כאָטש וואָס עס שטעהט אין איהר?

— פאַר וואָס — האָט געענטפערט דער שווינדלער זאָל איך מיך נישט פרעהען מיט דער תורה, ווען זי ברענגט מיר איין כסדר געלד! אָט אַנומעלט האָב איך געהאַט געבאָרגט פון איי־נעם 100 רובעל און כ'האָב עס פערלייקענט. יענער האָט מיך

געשלעפּט צום רבֿ און דער רבֿ האָט געפּסקנט אַ שבֿועה האָב איך געגומען די תּורה, אָבגעשוואוירען און געפּטר׳ט אַנ׳ עסק. היינט־זשע זאָגט איהר אַליין, ברויך איך דען נישט דאַנקבאַר צו זיין דער תּורה און פרעהען זיך מיט איהר?

5

שותּפות מיט אלעמען

אַ בעל־מלאכה, אַ פּראָסטער יוד, אָבער נישט קיין נאַר, האָט זיך שטאַרק משמח געווען בשמחת־תּורה: ער האָט געהאַלטען אין שוהל די ספר־תּורה אין האַנד און געטאַנצט מיט איהר און געזונגען העכער פון אַלע. האָט דאָס אָבער שטאַרק פערדראָסען דעם חסידי׳שען דיין. ער געהט צו צום טענצער און פרעגט איהם:

— זאָג גאַר פּראָסטאַק, וואָס איז מיט דיר די שמחה, האָסט עפּעס אַ סך תּורה געלערענט?

— האָב איך נישט געלעוענט, האָט איהר דערפאַר געלערענט; און אַז ביי מיין ברודער איז אַ שמחה איז עס דען נישט איינצייטיג אויך מיין שמחה? — האָט איהם אָבגעענטפערט דער קלוגער בעל־מלאכה.

— ווי איז אָבער דער דין — האַקט איהם איבער דער דיין — אַז אייער ברודער וויל אייך כּלל נישט האָבען פאַר קיין מחותּן אויף זיין שמחה?

— אויב אַזוי, טאָ פאַר וואָס האַלט איהר, רבי, מיך אין יום־כּפּור יאָ פאַר אַ מחותּן און חבר׳ט זיך דעמאָלט מיט מיר גאָר שטאַרק? — איהר הייסט מיך דאַן קלאַפּען אין האַרצען און זאָגען: „על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד״ שוחד נעהמט איהר דאָך, און דאָך הייסט איהר מיך זיך קלאַפּען אין האַרצען גלייך איך וואָלט אין דעם עסק אייער שותּף געווען! דערפאַר מעג איך אויך היינט פרעהען זיך מיט דער תּורה, וואָס כאָטש נאָר איהר האָט זי געלערענט און נישט איך. אַז שותּפות — איז שותּפות מיט אַלעמען!...

ו

שניידער, שוסטער אפנים, גלייכע יחסנים

ביי די הקפות אין שמחת-תורה איז אַמאָל אין אַ שטעדטעל אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צווישען דער חברה חייטים (שניידער) מיט דער חברה סנדלרים (שוסטער): יעדע פון זיי האָט געוואָלט פריהער געהן מקיף זיין די בימה מיט די ספרי-תורות. זענען זיי געגאַנגען האָבען אַ דין-תורה ביים דיין. דער דיין, אויסהערענדיג זייערע טענות, פרעגט די שניידערס:

— פון וואַנען דרינגט איהר, דאָס אייך קומט די משפט הבכורה?

— מיר — האָבען געענטפערט די שניידערס — קאָנען עס אויסווייזען פון דער תורה: עס שטעהט: „אם מחוט ועד שרוך נעל" — פריהער „חוט" דערנאָך „נעל"!

— גוט — זאָגט דער דיין. און איהר שוסטערס, וואָס זאָגט איהר?

— מיר האָבען נאָך אַ בעסערע ראיה? דאָס מיר ברויכען בעפאָרצוגט צו ווערען — האָבען זיך אָנגערופען די שוסטערס — ס'איז דאָך אַ כלל: „דברה תורה כלשון בני אדם", און מענשען זאָגען: „שעווצי קראַווצי ניע סאָן לודזיע" — פריהער שעווצי, דערנאָך קראַווצי!

ז

בפרהסיא אָהן מורא — א סוף פון דער תורה

די תורה, וואָס איהר סיום פייערען מיר אין שמחת-תורה, ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „לעיני כל ישראל".

דאָס זאָל זיין אַ רמז, אַז ווער עס זינדיגט „לעיני כל ישראל", ד. ה. בפרהסיא, פאַר דעם זעלבען איז שוין געענדיגט די תורה...

ט

מ׳לייענט בראשית, נישט — שמות

אין שבת בראשית, איז דער גבאי פון דער שעדלעצער שוהל אַרויפגעגאַנגען פאַר׳ן לייענען אויפ׳ן בעלעמער און גענומען אַרויסלייענען פון אַ פּאַפּיר די נעמען פון די „שעהנע יודען“, וואָס וועלען היינט עולה לתורה זיין. האָט זיך דער שעדלעצער רב אויפ׳ן גבאי אָנגעבייזערט,

— היינט לייענט מען דאָך גאָר „בראשית“ **און דו לייענסטו** גאָר שמות (נעמען) ?...

ו

חנוכה פאָלקלאָר

I

דריי שמשים

דער בית-דין שמש פון ביאַליסטאָקער רב ר׳ וועלוועלע, דער מחבר פון בעריהמטען ספר „אגודת אזוב״, איז געווען אַ זעהר שלעכטער מענש, א צר-עין און אַ שונא-אדם. די מתמי-דים, וואָס האָבען געלערנט אין בית-המדרש ביינאַכט, האָט ער נישט געוואָלט געבען א שטיקעל ליכט. אויך דעם רב האָט ער נישט געבערענגט זיין שכירות אין דער צייט. איינמאָל האָט דער שמש אויפגעהאַלטען דעם רב מיט׳ן אויסצאָהלען איהם זיין חדש-שכירות אַ לענגערע צייט. ביים רב אין שטוב האָט זיך דערווייל געשפירט אַ מאַנגעל אין גרייטיגסטען הויז-געברויך. ווען דער שמש האָט ענדליך געבערענגט דעם רב׳ס געהאַלט, האָט ר׳ וועלוועלע געזאָגט צו איהם: דו ווייסט דאָך אודאי, שמש, אַז ביי יודען זענען דאָ דריי שמשים: דער שמש פון חנוכה ליכט, דער שמש פון די ציצית און דער בית-דין שמש. דער שמש פון חנוכה ליכט ווערט, כידיע, פערברענט, דער שמש פון די ציצית ווערט ווייטער פערדרעהט, נאָר פון בית-דין שמש קאָן מען נישט פטור ווערען. נישט ער ווערט פער-ברענט און נישט ער ווערט פערדרעהט...

2

פבתה צו כפתה?

צו א רב, א גדול בתורה איז אַמאָל געקומען א יונגער־מאַן, אַ שטיק עם־הארץ און פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל מיט איהם שמועסען און לערנען.

— אין וועלכער סוגיא האָפט די לעצטענס עוסק געווען? — האָט איהם געפרעגט דער רב.

— אין דער סוגיא פון „פבתח", וואָס איז מענינא דיומא — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

דער רב האָט זיך מיט איהם אַ ביסעל צושמועסט און דערזעהען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ רעכטען עם־הארץ. ער האָט גלייך אָבגעהאַקט אין מיט׳ן שמועס און זיך אָבגערופען צום יונגערמאַן: ווי איך זעה האָט איהר אַ טעות געהאַט: נישט איהר האָט געלערענט די סוגיא פון „כבתה" נאָר גיכער אייער שווער, און נישט „כבתה" מיט אַ „בית" נאָר: „כפתה" מיט אַ „פ".

געמיינט האָט דער רב די שטעלע פון די חז"ל: כל המשיא בתו לעם־הארץ כאילו כפתה ומניחה לפני הארי...

3

אַמעריקאַנער חנוכה־לאָמפּ

אַ בעקאַנטער ליץ, אַ גרויסער קבצן, האָט זיך בערימט, דאָס ער בענטשט איבער אַן׳אַמעריקאַנער חנוכה־לעמפּעל.

— פונוואַנען האָסט דו גענומען אַזאַ טייערען חפץ? האָט דער עולם איהם געפרעגט.

— וואָס פערשטעהט איהר נישט? — ענטפערט דער ליץ! — איך בענטש איבער 8 אַמעריקאַנער קאַרטאָפּעל...

4

נאָך אַ נס-חנוכּה

אַ נס, וואָס מען דאַרף נישט צינדען מעהר ווי 8 ליכט-לעך, ווען מעהר, ווי וואָלט מען געהאַט אָרט אין חנוכּה-לעמפּעל פאַר די איבריגע ליכטלעך...

5

אַ יון אין תהלים

פאַרוואָס שטעהט אין „על הנסים": „יון" מיט אַ וואָוו און אין תהלים (פ"ג) נאָר מיט אַ בית: „כיבין":

– ווייל ווי לאַנג מען הייסט אַ יון זאָגען אַזאַ קורצע תפילה ווי „על הנסים" איז ער נאָך יאַקי-טאַקי קוים הייסט מען איהם אָבער, ער זאָל זיך ברעכען די צייהן מיט תהלים זאָגען, ווערט ער דאַן „בית" (בייז) !...

6

מעוז צור

פאַר וואָס זינגט מען, אין חנוכּה דעם שיר: מעוז צור ישועתי?

– ווייל אין חנוכּה שפּיעלט מען אין קאָרטען, דערפאַר זאָגט דער משורר:

מעות (מעוז) צור ישועתי – אויב דו האָסט מעות אין קעשענע געה שפּיעלען, ווען אָבער נישט זיץ אין דער היים...

7

אַ רמז אויף קאָרטען שפּיעלען

כידוע פאַלט שטענדיג חנוכּה, דער סעזאָן פון קאָרטען שפּיעלען אין דער וואָך, ווען עס געהט די סדרא וישב. דאָס

פאָלק זאָגט דערפאַר, אַז דאָס וואָרט „וישכחהו”, מיט וועלכען עס ענדיגט זיך די סדרא וישב, מאַכט אויף ראשי תיבות:
וועלכע יודען שפּיעלען קאָרטען חנוכּה הייסען „וואָיט-קעס” (א גראבער צונאָמען אויף אַנ׳עם הארץ)...

8

די גרעסטע עבירה

וועלכע עבירה איז די גרעסטע?
— קאָרטען שפּיעלען: וואָרים, כּידוע בּעהאַלט זיך אויס יעדער בּעל-עבירה בּשעת׳ן זינדיגען בּחדרי חדרים, קיינער זאָל נישט זעהען וואָס ער טהוט.
דאַגעגען די עבירה פון קאָרטען שפּיעלען קאָן פאָרקומען נאָר בּפרה׳סיא אין דער אָנוועזענהייט פון נאָך מענשען...

9

פיער טייז

אַ מלמד זיצט אין חדר חנוכּה פאַרמיטאָגס (נאָכמיטאָג געהען דאָך שוין די תּלמידים נישט צוריק אין חדר) און דער-צעהלט די תּלמידים וועגען די מדרגות פון אונזערע גדולים.
גרעסער — רעכענט ער אויס — פון די אמוראים זע-נען געווען די תּנאים, נאָך גרעסער — די אנשי כנסת הגדולה און אַם גרעסטען זענען געווען די נביאים ווייל נביאות איז די העכסטע מדרגה.
איינער פון די תּלמידים, אַ גרויסער קאָרטען-שפּיעלער האָט בּשעת׳ן רבּינ׳ס דערצעהלען געחאַפּט דערווייל אַ דרימעל (א פּנים: ער האָט אַ גאַנצע נאַכט פריהער געשפּיעלט).
דער רבּי האָט געוואָלט וויסען צו דער תּלמוד שלאָפט בּאמת, האָט ער איהם אָנגענומען בּיי דער גאָמבע און אַ פרעג געטהון:

— זאָג נאָר, תכשיט'ל: וועלכעס איז דאָס גרעסטע, וואָס אַ מענש קאָן דערגרייכען?

דאָס יונגעל מאַכט אויף די אויגען און ענטפערט האַלב פערשלאָפען: פיער טייז!...

10

לאַטקעס

אַ פרעהליכער קבצן האָט זיך בעריהמט, דאָס ער פערמאָגט אַ מלבוש-כבוד, וואָס איז צוגעפּאַסט צו אַלע ימים-טובים

— פורים — צושיט ער זיך אויף מאָהן.

פסח — איז אין איהם נישט דאָ קיין גאַנץ ברעקעל

שבועות — איז ער דורך מיט תיקון

ראש-השנה — בלאָזט פון איהם פון אַלע זייטען.

יום-כפור — טויג ער אויף טויזענד כפרות.

חנוכה — איז ער פול מיט לאַטקעס.

ז

מגילה־פאָלקלאָר

1

חור כרפס ותכלת

פאַרוואָס שטעהט „חור" מיט אַ גרויסע חית?
ווייל די גמרא פסחים זאָגט: חור שבין אדם לחברו כל אחד בודק עד מקום שידו מגעת. הייסט-זשע, ווען יעדער שטעקט אַריין זיין האַנד צו בדק'נען דעם „חור", איז שוין דאַן אַ חידוש, וואָס ער ווערט אַזוי גרויס?...

2

רצפת בהט ושש

פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אחשורש איז געווען אַ מלך טפש?
עס שטעהט:
ורצפת בהט ושש ודר וסוחרת — די פאָדלאָגע איז גע- וועזן אויסגעפלאַסטערט מיט טייערע שטיינער, דימענטען און בריליאַנטען. פרעגט זיך: ווי אַזוי האָט אחשורוש נישט מורא געהאַט, דאָס עס זאָל זיך נישט אַמאָל וועמען פון די באַל-געסט פאַרגלוסטען צו לקח'נען אַ פּאָר טייערע שטיינדלעך? איז דער-

פון געדרונגען, אז ער איז געווען אַ מלך טפש און ווען אַ נאַר ווארפט אַריין אַ שטיין קאָנען איהם קיין צעהן קלוגע נישט אַרויסנעהמען...

3

אין אונס

אַ שניידער האָט אַמאָל בעדויערט, וואָס איהם איז נישט באַשערט געווען צו לעבען בימי מרדכי ואסתר. ווארום דע־מאָלט האָבען אַלע שניידערס נישט געאַרבייט, ווי עס שטעהט אין דער מגילה: אין אונס — קיינער האָט נישט געניים. הייגט זשע ווען ער וואָלט דאַן יאָ געגייט וואָלט ער דאָך ממש גאָלד אָנגעשאָרט...

4

אין אסתר מגדת

פון דאַנען איז נעדרונגען, דאָס אין תענית אסתר לערנען נישט די ישיבה־בחורים דעם שיעור (דאָס אַלטע ספר מהרי״ל).

5

והדת נתנה בשושן

כידוע איז די תורה געגעבען געוואָרען אין מדבר אויפ׳ן באַרג סיני, טאָ פאַר וואָס שטעהט גאָר אין דער מגילה: והדת נתנה בשושן?

— בשושן מיינט מען נישט די שטאָדט שושן, נאָר: אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען אין חודש סיון, ווען די רויזען (שושנים) בליהען. (דער גרויסער פּאָעט ר׳ עמנואל חצפּרוני אין זיין ספר „מחברות״).

6

והמלך והמן ישבו לשתות

פאַר וואָס האָבען זיי עפּעס אין מיטען דרינגען נעכאַפּט אַ כוסה?

— ווייל אחשורוש און המן האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט זיך דער יודישער גאָט אַריינמישען און וועט צושטערען זייער עצה צו פאַרטיליגען די אידען, האָבען זיי דערפאַר ממה נפשך דערווייל געכאַפּט אַ כוסה: וועט קומען ווירקליך דער גרויסער שעהנער פּאָגראָם איז מה טוב: אלא חלילה נישט, לאָמיר כאָטש האָבען אַריינגעכאַפּט אַ טרונק בראָנפען!...

7

ויספר להם המן את כבוד עשרו ורוב בניו

אויף דעם פסוק, זאָגט די וועלט, איז דאָ אַ קשיא אויפ'ן אָרט און אַ תירוץ פון דער פרעמד. אַ קשיא איז דאָ אויפ'ן אָרט: וועמען, ווי וועמען, אָבער איהר, זיין ווייב האָט המן געדאַרפט דערצעהלען וויפיעל קינדער ער פערמאָגט?

איז דער תירוץ: פון דער פרעמד!...

8

אשר הגיד מרדכי על בגתנא ותרש

פאַר וואָס איז עפּעס פון דעם פריהערדיגען בגתן שפּע־טער געוואָרען אַ בגתנא?

— מן הסתם האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רבי'שען הויף, וואו עס ווערט דאָרט כידוע אַלץ פער־צוויגען: שלמה'ניו, אברהם'ניו א. אַ. וו. און דערפאַר האָט מען איהם אויך פערצויגען פון בגתן אויף בגתנא...

9

כי נפול תפול לפניו

פאַרוואָס האָט עפּעס זרש נאָך צוגעשאָטען זאָלץ אויף איהר מאַנ'ס וואונדען און אָנגעזאָגט איהם אַזאַ שוואַרצען סוף? נאָר קען מען זאָגען, אַז דער טייטש פון פּסוק איז אַזוי: זרש האָט געזאָגט צו המנ'ען: אויב מרדכי, פאַר וועמען דו האָסט אָנגעהויבען צו פאַלען, איז ווירקליך מזרע היהודים, דאַן האָסטו אַן עצה צו פאַלען ארצה פאַר איהם און בעטען רחמים ער זאָל דיר מוחל זיין און ער וועט זיך געוויס לאָזען איבערבעטען וויל יודען זענען ווייכהערציג...

10

ווי האָט געהייסען אחשורוש'ס שוויגער?

„שככה", ווי עס שטעהט אַ בפירוש'ער פסוק: וחמת המלך שככה!..

11

ואת ויזתא

פאַר וואָס שטעהט ויזתא אין דער מגילה מיט אַ גרויסער וואָוו?

וויל המן האָט געהאַט צעהן זיהן, איז ער דאָך כידוע מחויב געוועזען צו געבען מעשר דעם יונגסטען זוהן ויזתא צו אַ כהן. איז אָבער המן געוועזען אַ למדן און האָט געוואוסט פון דער גמרא (פסחים י"ג), אַז ווען מען נעהמט אַרויס די תבואה פון גורן נישט דורך דער טהיר נאָר דורכ'ן דאַך איז מען פטור פון מעשר. האָט דערפאַר המן גענומען ויזתא'ן און געוואָלט איהם אַרויסשלעפּען פון שטוב דורכ'ן בוידעם. ווי אחשורוש, וואָס איז געוועזען אַ כהן גדול (אַ ראיה דערצו דאָס,

וואָס ער האָט געזוכט דוקא בתולות...) איז געוואויר געוואָרען וואָס המן געהט טהון, איז ער געקומען צו לויפען און גענומען ויזתא׳ן צוריק אַראָפּשלעפּען. האָבען זיי ויזתא׳ן אַזוי לאַנג געצויגען ביז ער איז געוואָרען אויסגעצויגען... (מסכת פורים פון תוספות יום טוב׳ס תלמידים).

12

ונוח מאויביהם

ווי אַזוי קומט עפּעס נח אין דער מגילה אַריין?

די זאַך איז אַזוי: המן האָט מען געראַטען: יעשו עץ גבוה חמשים אמה — מ׳זאָל אויפהענגען מרדכי׳ן אויף אַ הויכען קלאָץ פון 50 איילען. וואו זשע נעהמט מען אָבער אַזאַ הויכען קלאָץ פון 50 איילען? האָט המן, ברעכענדיג זיך דעם קאָפּ, דערמאָהנט זיך, אַז נח האָט געבויט אַ תיבה פון 50 איילענדיגע קלעצער. איז ער זיך געגאַנגען און בגנבה אַרויסגעריסען אַ פופציג איילענדיגען קלאָץ פון דער תיבה. ווי נח האָט אָבער דורכ׳ן פענסטער בעמערקט, וואָס המן טהוט איז ער אַרויסגעלאָפען און אָנגעהויבען צו ראַנגלען זיך מיט המנ׳ען, ער זאָל איהם צוריקגעבען דעם קלאָץ. געוויס איז המן שטאַרקער געווען פאַר נח׳ן דעם איש צדיק... האָט המן אַזוי לאַנג געשלעפּט דעם קלאָץ ביז ער האָט נח׳ן אַריינגעשלעפּט אין דער מגילה אַריין... (אַ פאָלקס-מעשהלע).

13

עם הספר ישוב ממחשבתו הרעה

דער ווילנער גאון האָט געגעבען אַ סגולה אויף ניצול צו ווערען פון מחשבות זרות ביים דאַווענען: נישט צו דאַווענען פון אויטענווענדיג, נאָר פון אַ סידור אַרויס. אַ סימן לדבר, אין מגילת אסתר שטעהט: אמר עם הספר ישוב ממחשבתו הרעה...

ח

פורים-פאָלקלאָר

1

דער גרויסער גאון ר׳ יונתן אייבעשיץ האָט זעהר אָפט געפיהרט טעאָלאָגישע דיספוטען מיט די קריסטליכע גייסטליכע און שטענדיג איז ער אַרויס פון די וכוחים אַלס זיגער. האָט צו איהם אַמאָל געזאָגט אַ ביסקופ: אַ קונץ וואָס דו פערטיידיגסט שטענדיג די יודישע אמונה, וואָס איז עלטער פון אונזער רעליגיע. לאָמיר זיך אָבער אַמאָל בייטען מיט די ראָלען, און דאַן וועט מען זעהן ווער עס וועט זיין דער זיעגער!

— מסכים האָט געענטפערט ר׳ יונתן.

דער ביסקופ האָט דאַן געפרעגט דעם גאון: זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, פאַר וואָס פייערן די קריסטען אויך דעם יום טוב פורים? בשלמא זיי פייערן קריסטמאס (ווייגאַכט). ווייל דעמאָלט איז קריסטוס געבוירען געוואָרען; פאַסכאַ, ווייל דאַן האָט מען איהם געקרייציגט, אָבער פורים פאַרוואָס פייערן זיי?

— ווייל -- האָט ר׳ יונתן געענטפערט — ווען המן וואָלט אַלע יודען פערניכטעט, וואָלט דאָך קריסטוס נישט געקאָנט געבוירען ווערען!..

2

צוויי יודען שפּאַרען זיך, איינער זאָגט, אַז אום פּורים זאָגט מען גאַנץ הלל און דער אַנדערער – נאָר האַלב הלל. אַ דריטער הערט צו דעם וכּוח, מישט זיך אַריין און מאַכט אַ פּשרה: ווען פּורים געפאַלט אין ראש חודש זאָגט מען גאַנץ הלל; געפאַלט ער אָבער אין אַ פּראָסטען טאָג, זאָגט מען האַלב הלל...

3

אַ משכּיל, אַ חצי אפּיקורס, האָט אויפגעוויזען מיט אַ קל וחומר, אַז אין תּשעה באָב דאַרף מען גאָר פרעהליך און לוסטיג זיין, מה דאָך פּורים — האָט ער זיך געפּלפּול׳ט — ווען מען זאָגט אין דער מגילה נאָר אַ פּאָר פּסוקים מיט אַן איכה-ניגון, מאַכט מען אַ משתּה ושמחה, כּל שכּן תּשעה באָב, ווען מ׳זאָגט די רעכטע איכה דאַרף מען דאָך אודאי און אודאי צו מאַכען דאָן אַ יום טוב?...

4

פאַר וואָס עסט מען קרעפּלעך אין פּורים, יום כּפּור און הושענה רבּה?

ווייל פּורים קלאַפּט מען המנ׳ען, אין יום כּפּור שלאָגט מען כּפּרות און אין הושענה רבּה קלאַפּט מען הושענות, דער-פאַר עסט מען אין די טעג קרעפּלעך, וואָס זענען אָנגעפילט מיט צעהאַקט פליישׁ.

5

די גמרא זאָגט אין מגילה, אַז ושתּי פלעגט צווינגען איהרע יודישע דינסטמיידלעך, דאָס זיי זאָלען אַרבּייטען אפילו אין שבּת און דערפאַר איז געקומען אַ מלאך און האָט איהר

געמאַכט אַ שחין אויפ׳ן שטערען. אָן עם הארצישער רבי האָט דערויף אַזוי אַריינגעטייטשט דעם פסוק אין תהלים (ע״ד): אתה הובשת נחרות איתן לך יום אף לך הלילה, אתה הכינות מאור ושמש: דו ושתי (אתה הובשת) די דאָזיגע מיידלעך (נהרות איתן) האָבען ביי דיר שווער געאַרבייט טאָג און נאַכט (לך יום אף לך לילה) דעריבער האָסט דו פערדיענט צו האָבען אַ פאַרך אויפ׳ן שטערען (אתה הכינות מאור ושמש)...

6

אַ רבי פון די חייטים האָט געלערענט מיט דער חברה די מגילה און דערביי זיי דערצעהלט די אגדה, אַז אסתר המלכה איז לגמרי נישט געווען קיין יפת תואר, נאָר גאָר אַ ירקרקת, עס הייסט אַ געלע אָדער אַ גרינע. איינער פון די חייטים שפרינגט אויף און פרעגט: אויב אַזוי טאָ וואָס זשע האָט דאָס אחשורוש געפונען אַזאַ מציאה אין אסתר׳ן?

– בהמה איינער! – ענטפערט איהם אָב אַ צווייטער: וואָס מיינסטו, אחשורוש האָט געדאַרפט זיצען און וואַרטען ביז וואַנען אונזער רבי וועט קומען און זאָגען מבינות אויף דער כלה?

7

פאַרוואָס האָט מען אויפגעהאָנגען די בני המן? ווייל המן איז דאָך כידוע געווען אַ הויכער, אַזוי ווי עס שטעהט האגגי (פון לשון גג) הויך ביז׳ן דאַך. זיין ווייב זרש ווידער איז געווען אַ קליינע, ווי עס ווייזט איהר נאָמען זרש, וואָס איז דער טייטש אַ האַלבע אייל (זרת), איז דאָך אָנצונעמען, דאָס זייערע קינדער זענען געווען מיטעלמעסיג, נישט הויך און נישט קליין, און אַ כלל האָבען מיר דאָך אין דער גמרא אַז „בינונים תלויים ועומדים״ – מיטעלע הענגען. דערפאַר האָבען אויך די בני המן קיין אויסנאַהם נישט געקאָנט זיין... (אַ פאָלקס-פשט׳ל).

8

דער מדרש זאָגט, אַז דערפאַר האָט מען אַחוץ המנ׳ען אויפגעהאָנגען אויך זיינע צעהן זיהן, ווייל אויך זיי, די עשרת בני המן, האָבען צוגעהאָלפען אין דער שרעקליכער גזירה צו פערניכטען אַלע יודען. פרעגט די וועלט דערויף אַ קשיא: ממה נפשך, האָט דאָך אייגער פון זיי געדאַרפט געשאָנעוועט ווערען. ווייל אויב די עשרת בני המן האָבען צוגעהאָלפען מיט געלד איז דאָך דערביי דלפון גאָט די נשמה שולדיג?..

האָבען זיי ווידער צוגעהאָלפען מיט עצות האָט דאָך ויזתא דערין בעשטימט קיין חלק נישט גענומען?... איז דער תירוץ: ווען עס קומט צו טהון יודען שלעכטס, האָט דלפון געלד און ויזתא שכל...

9

אין בוקאַרעסט, וואו דער גאון מלבי״ם איז געווען רב, איז געווען אַ יוד אַ חצי משכיל, חצי שוטה, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען ביבעל קריטיקער און כסדר גע-מאַכט גרייזען אין תנ״ך. איינמאָל ווען דער ביבעל קריטיקער האָט דערצעהלט דעם מלבי״ם וועגען אַ כלומר׳שט גרויסען גרייז, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער תורה, האָט איהם דאַן דער רב געענטפערט:

— יאָ, איך מוז שוין איצט מודה זיין, אַז די ביבעל קריטיקערס זענען גערעכט, און אַז נישט אַלץ, וואָס שטעהט אין תנ״ך איז אמת ויציב. וואָרום אין מגילת אסתר שטעהט אַז מען האָט ויזתא׳ן אויפגעהאָנגען, און לסוף זעה איך, ער דרעהט זיך אַרום אַ לעבעדיגער אויף דער וועלט...

10

דער גרויסער גאון ר׳ אפרים זלמן מרגליות פון בראָד וואָס איז געווען אויך אַ גרויסער גביר, האָט געגרינדעט אין

אין זיין שטאָדט אַ גמילות חסדים קאַסע, וואו מען האָט יעדען יודען, וואָס האָט מיטגעבראַכט 2 זשיראַנטען, געבאָרגט אַ הלואה איז אַמאָל געקומען אַ נויטבעדערפטיגער יוד מיט צוויי ערוב' ניקעס, יודען דלפנים און פערלאַנגט אַ בעדייטענדע הלואה. רופט זיך אָב דער גאון צום יוד, וואָס האָט געוואָלט די הלואה: די וועלט פרעגט אַ קשיא פאַר וואָס זענען אויף פרעה'ן אַליין געקומען צעהן מכות און אויף אַלע צעהן זיהן פון המן הרשע איז געקומען נאָר איין און דערזעלבער טויט?

קאָן מען עס פערענטפערען אַזוי: ווען אויף די עשרת בני המן וואָלטען געקומען צעהן מכות, וואָלט דאָך נאָך אַמאָל געקאָנט אויספאַלען די מכת ערוב אויף דלפונ'ען, און זאָגט אַליין, צי קאָן דען אַ דלפון זיין אַן ערוב?..

ט

הגדה־פאָלקלאָר

1

ווער איז דער עיקר: דער תם, צי דער שאינו יודע לשאול?

אַ רב האָט געהאַלטען אַ דרשה שבת־הגדול איבער דער בעוואוסטער שווערער סוגיא פון „טעם כעיקר".

געהט־צו נאָך דער דרשה אַן עם־הארץ און פרעגט דעם רב:

— אין דער הגדה זענען דאָך פאַרהאַן ארבעה בנים: אחד חכם ואחד רשע, אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול, טאָ פאַרוואָס איז ביי אייך נאָר דער תם דער עיקר (טעם כעיקר)?

דער רב האָט אַ שמייכעל געטהון און געענטפערט:

— כ'האָב אַ טעות געהאַט, ליעבער־ פריינד, טאַקע דער „שאינו יודע לשאול" דאַרף זיין דער עיקר...

2

דער חכם איז נישט קיין בעל־דקדוק.

אַ משכיל, אַ בעל־דקדוק און ווי דער שטייגער איז, אויך געכאַפּט אין יענער מעשה, — האָט אַמאָל געפרעגט דעם קלוי־גען רב פון זיין שטאָדט די בעקאַנטע וועלט־קשיא: וואָס איז

דער חילוק צווישען חכם פון דער הגדה, וואָס זאָגט „אתכם", און דער רשע, וואָס זאָגט „לכם"? פאַר וואָס דרינגט מען נישט ביים חכם, אַז אויך ער האָט זיך מוציא געווען מן הכלל (אתכם ולא אותו), פונקט אַזוי ווי דער רשע (לכם ולא לו)?

דער רב, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט אַנ'אויג אויף דעם בעל-דקדוק מיט זיין דקדוקי-עניות, האָט איהם אַזוי געענטפערט:

— ס'איז אַ פשוט'ע זאַך! בשלמא ביים חכם איז ניחא, ווייל אַ חכם קאָן נישט קיין דקדוק און ווייסט דערפאַר נישט דעם חילוק צווישען „אתכם" און „אותנו" אָבער דו, רשע, דו האָסט דאָך יאָ אַריינגעקוקט אין „מסלול" און „צהר-התבה" און דו פערשטעהסט דאָך יאָ מבחין צו זיין צווישען „לכם" און „לנו", פאַר וואָס זשע זאָגסט דו „לכם"? איז דערפאַר טאַקע — הקהה את שיניו!

3

רשע מה הוא אומר:

איינער האָט געטייטשט: „רשע מה הוא — אומר". דער רשע, וואָס ער איז אַליין, דאָס זאָגט ער אַרויס. ד"ה: מען קאָן דערקענען אַ מענש לויט זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. לויבט ער אָרענטליכע מענשען. איז אַ סימן, אַז ער אַליין איז אויך אָרענטליך. לויבט ער ווידער רשעים. איז אַ סימן, אַז ער אַליין איז אויך נישט בעסער פון זיי.

4

צא ולמד

אין אַ מיידעל האָבען זיך אַמאָל פערליעבט צוויי ישיבה בחורים: איינער אַ שוואַרצער, דער צווייטער אַ ווייסער. יעדער פון זיי האָט זי געוואָלט נעהמען פאַר אַ כלה. איז געבליבען נישט צו געהן חלילה אויף קיין דועל. נאָר יעדער זאָל ברענגען עפעס אַ ראיה פון דער תורה צו וועמען זי דאַרף געהערען. דער

שוואַרצער האָט געבראַכט די דאָזיגע ראיה פון דער גמרא: תדיר (טאָטער — אַ שוואַרצער) ושאינו תדיר, תדיר קודם. דער ווייסער ווידער האָט געבראַכט אַ ראיה פון דער הגדה: צא ולמד (געה אַרויס און פרעג די מויד, ד. ה. די כלה אַליין) מה בקש (וואָס זי וויל) לבן (וועט זי אודאי ענטפערען, אַז זי וויל ליבערשט דעם ווייסען, (דעם שענעם)...

5

לבן האָט געוואָלט ברענגען הבל'ן אויף דער עקידה.

מען דערצעהלט: דער בעריהמטער צדיק ר' יהושע העשיל פון אַפּטאָ (אַפּאָטאָוו), ווענדיג אָנקומען פאַר אַ רב אין אַפּטאָ, האָט געמוזט זיך אונטערוואַרפען דעם בעשלוס פון דער דאָזיגער קהלה, צו לאָזען זיך עקזאַמינירען אין לומדות ביים אַפּטער ראש הקהל, אַ בעוואוסטען עם־הארץ, וואָס האָט קוים געקאָנט לייענען דעם טייטש־חומש. דער ראש הקהל האָט איהם געפרעגט די צוויי שאלות: ווען איז אדם הראשון געבוירען געוואָרען ? און ווער האָט געוואָלט ברענגען הבל'ן אויף דער עקדה ?

אויף דער ערשטער פראַגע האָט ר' יהושע העשיל גע־ענטפערט, אַז אדם הראשון איז געבוירען געוואָרען אין פורים אויף דער צווייטער ווידער — אַז לבן האָט דאָס געוואָלט ברענ־גען הבל'ן אויף דער עקדה.

— אָט, נאָר דער רבי איז דער איינציגער, וואָס האָט ריכטיג געטראָפען פונקט ווי אין טייטש־חומש און אין דער הגדה שטעהט! דערפאַר וועט ער טאַקע זיין היגער רב — האָט אויסגערופען מיט פרייד דער דאָזאָר. און ווירקליך אויפ־גענומען איהם פאַר אַפּטער רב. ווי אַזוי איז אָבער דער ראש הקהל געקומען צו אַזעלכע טעות'דיגע אויספיהרונגען אין טייטש־חומש און אין דער הגדה?

גאַנץ איינפאַך: ער האָט אין טייטש־חומש געזעהן שטעהן: „גאָט האָט בעשאַפען אדם'ען אין זיין פאַרעם (געשטאַלט). איז אָבער אין דאָזאָר'ס טייטש־חומש די „א"

פון „פאָרים" אויסגעמעקט געוואָרען אַזוי, אַז ס'איז מעהר נישט געבליבען פון איהר ווי נאָר דאָס קעפּעלע, וואָס זעהט אויס ווי אַ „י": די „פ" פון וואָרט „פאָרים" האָט ווידער אַ פּליג געפינטעלט... אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז דער ראש הקהל האָט דאָרט געלייענט: אין זיין פירים... וואָס שייך ווייטער די צווייטע פּראַגע, האָט זי זיך געגומען דערפון, וואָס דער ראש הקהל האָט אין זיין הגדה געלייענט: ולבן בקש לעקוד את הבל (לבן האָט געוואָלט ברענגען אויף דער עקידה הבל'ן) אָנשטאָט: ולבן בקש לעקור את הכל.

6

כל הבן הילוד היארה תשליכוהו

פאַר וואָס האָט פרעה געהייסען אַריינוואַרפען אין וואַסער נאָר די זיהן און נישט די טעכטער? ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אויב עס וועלען נישט זיין אויף דער וועלט קיין זכרים, וועלען די מיידלעך אַליין זיך שוין וואַרפען אין וואַסער...

7

צו פריה אָבגעזאָגט די הגדה

אַנ'אפּיקורס איז אַמאָל פּסח ביינאַכט אַריינגעקומען צו זיין פעטער פונקט אין מיט'ן דער הגדה. דער פעטער פרעגט איהם: אפשר וועסט דו מיט אונז מיטהאַלטען דעם סדר און צוזאַמען זאָגען די הגדה:

— ניין, פעטער לעבען, ביי מיר איז שוין נאָכ'ן סדר!

— ווי אַזוי ביזטו עפּעס אַזוי בעצייטענס פערטיג געוואָרען? — וואונדערט זיך דער פעטער.

רופט זיך דערויף אָב דער ישיבה-בחור, וואָס האָט אויך גע'סדר'ט ביים פעטער און גוט געקענט דעם קרוב'ס אויפפיהרונג:

– ס'איז כּלל נישטאָ וואָס צו וואונדערן זיך – שר הויבס אָן די הגדה פון „דבר אחר"...

8

בּנים איז אויך אַ מכּה!...

אַן אַרענדאַר, אַ גרויסער עם הארץ, זיצט בּיים סדר און שרייט אויס הויך אויפ'ן קול: „דם, צפרדע, בּנים"... שלאָגט איהם איבּער זיין איידים, אַ שטיקעל בּן־תּורה און זאָגט: – שווער, דאָס מאַכט נישט „בּנים". נאָר „כּנים". – דול נישט קיין ספּאָדעק! – ענטפערט אָפּ דער אַרענדאַר מיט כּעס – בּנים איז אויך אַ מכּה!

9

אַ קאַרגער מאַכט ערגער

עס שטעהט אין דער הגדה: ר' יהודא היה נותן בּהן סימנים: דצ"ך, עד"ש, בּאח"ב. איז דאָך אַ קשיא: צו וואָס אייגענטליך האָט ר' יהודא געדאַרפט געבּן סימנים אויף די מכּות? ענטפערט מען אַזוי: ס'איז אַ דבר ידוע, אַז בּיי יעדער מכּה מוז מען אָבּגיסען פון כּוס אַ טראָפּען וויין. ר' יהודא איז אָבּער געוועזן אַ קאַרגער – ס'איז איהם אַ שאָד געוועזן דער וויין, האָט ער די צעהן מכּות אָבּגעקירצט און געמאַכט פון זיי דריי ווערטער, כּדי אַזוי אַרום איינצופּרענגען זיך זיבּען טראָפּענס וויין, וואָס טהוען אָבּער אונזערע יודעלעך? – נעה־מען זיי טאַקע אָן ר' יהודא'ס תּקנה, אָבּער צוזאַמען מיט דעם גיסען זיי ווייטער אָבּ בּיים אַרויסזאָגען יעדער מכּה אַ טראָפּען וויין. אַזוי אַרום האָט ר' יהודא, אַנשטאָהט איינשפּאָרען זיבּען טראָפּענס נאָך דערלעגט דריי...

10

אַ שפּיגעל צום סדר...

אַ ישוב׳ניק האָט צום סדר צווישען די מיני ירקות אַרויפ־געלעגט אויף דער קערה אויך אַ שפּיגעלע:

— וואָס בעדייט עס: — האָט איהם געפרעגט דער ישיבה־בחור, וועלכען דער ישוב׳ניק האָט פערבעטען צום סדר.

— עס שטעהט דאָך אין דער הגדה — ענטפערט דער ישוב׳ניק גלייך: — חייב אדם לראות את עצמו — אַ מענטש דאַרף ביים סדר זיך זעהן...

11

אזוי ווי אין דער הגדה שטעהט...

מיט דריי יאָהר צוריק בשעת דער בעוואוסטער „פּיער־טער עליה״, האָט אַן אָנגעזעהענער עושר אין אַ פּוילישער שטאָדט אָנגעזעצט אַ סך געלד אָרימע יודען, צווישען זיי אויך יתומים און אלמנות, און דערנאָך געמאַכט פליטה קיין ארץ־ישראל. האָבען מענשען זיך געחידוש׳ט: ווי קומט עס, אַז אַזאַ געמיי־נער יוד, וואָס האָט פערכאַפּט געלדער פון יתומים און אלמנות, זאָל מאַכען פליטה נאָר קיין ארץ־ישראל, אין הייליגען לאַנד אַריין, און נישט קיין אַמעריקא אָדער אַרגענטינאַ? האָט איי־נער אַ יוד אַ חכם, געזאָגט: וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? ער האָט געטהון אַזוי, ווי אין דער הייליגער הגדה שטעהט: „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים״. און יודען, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים האָבען זיי דאָך אויך דאָס זעלבע געטהון — אָנגעבאָרגט געלד און זילבער און געמאַכט פליטה קיין ארץ ישראל...

12

קרח אין דער הגדה

אין אַ שטאָדט האָבען זיך אַמאָל צובונטעוועט די עמי־הארצים און פּראָטעסטירט געגען די לומדים, הלמאי זיי נעהמען זיך שטענדיג די בעסטע און פעטסטע ע״ז, פערנעהמען די שענסטע שטעדט אין שוהל אויף דער מזרח-וואַנט און קוקען מיט ביטול אויף די פּראָסטאַקעס. האָבען זיי דערפאַר בעשלאָסען צו גרינדען אַ חברה מתפּללים פון לויטער עמי-הארצים, וואו קיין למדן זאָל נישט האָבען קיין דריסת הרגל. איינמאָל, בעת'ן לייענען די פּרשה קורח, גיעט דער בעל-קורא (אויך אַן'עם-הארץ) אַ קלאַפּ אין טיש אַריין, בכן ער האָט געפונען אַ גרייז אין דער ספר-תורה: עס שטעהט דאָרט — „קרח" מיט אַ קו"ף און נישט מיט אַ כ"ף ווי עס שטעהט אין דער הגדה של פּסח: „כורך"!.. איז קהל אַוועק אויף אַ בעראַטונג און אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: אמת, טאַקע די ספר-תורה איז פּסול, אָבער אויך דער בעל-קורא איז פּסול, ווייל: אַ למדן — אַרויס פון דער חברה!

13

צוויי גילדען — צו ביליג!

אַ דאָרפס-מאַן זאָגט די הגדה. ווען ער קומט צו חד גדיא, גיט ער פּלוצלינג אַ פערמאַך די הגדה און רופט אויס: ע׳, די מעשה געפעהלט מיר עפּעס נישט: פאַר צוויי גילדען אַ גאַנצע קאָזע, און נאָך ווען? נאָך האַלבע נאַכט! — דאָס איז שוין נישט גלאַטיג; ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט אפשר גאָר אַ גע'גנב'עטע קאָזע...

14

ואתא כלבא

אַ חברה הפקר-יונגען זענען געשטאַנען ערב פסח הינטער די פענסטער פון אַ פרומען יוד און אָבגעלאַכט פון זיין סדר-אָבּרי׳כטען און הגדה-זאָגען, ווען מ׳האָט ביים דאָזיגען יוד גע-עפענט די טהיר צו שפוך חמתך, איז איינער פון זיי אַריינ-געשפרונגען אין שטוב און געפרעגט חוצפה׳דיג דעם הגדה-זאָגער:

— פעטער! ווי האַלט איהר אין דער הגדה?

— איך האַלט ביי: ואתא כלבא — האָט דער עזות-פנים בעקומען אַן׳ענטפער...

15

דער זין פון אַ שפּריכוואָרט

אגב, וויל איך דאָ דערקלערען דעם זין פון אַן׳אונפער-שטענדליך שפּריכוואָרט, וואָס האָט אַ שיכות צו חד גדיא.

ווי בעוואוסט, זאָגט מען, ווען מען זעצט איינעם איין אין תפיסה. „מען האָט איהם איינגעזעצט אין חד-גדיא. וואָס איז דער זין פון דאָזיגען בעוואוסטען שפּריכוואָרט און וואָסער שייכות האָט חד גדיא צו אַ תפיסה? פערשטעהען עס טאַקע נישט די יודישע פילאָלאָגען און פאָלקלאָר-פאָרשער (זעה „דאָס דאַוונען״ פון יהודה עלזעט ז׳ 75).

מיר איז, דוכט זיך, געלונגען צו דערקלער׳ען דאָס רעטע-ניש אויף אַ פשוט׳ען אופן. ס׳איז גאַנץ פשוט געגומען פון פויל׳שען וואָרט „קאָזאַ״, וואָס בעטייט „אַ ציעג״ ווי אויך „אַ תפיסה״. אַזוי האָט זיך פון העברעאיש-אַראַמצאישען „גדיא״ (ציעג) שאַרפזיניג געשאַפען דאָס יודישע שפּריכוואָרט: „מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין חד גדיא״.

י

פסח־פאָלקלאָר

1

די וואָרקער רבי׳צין און דער שולחן ערוך

דער אַלטער וואָרקער רבי, ר׳ יצחק, צוזעהענדיג ווי זיין ווייב די רבי׳צין אַרבייט איבער די כחות ביים שארען און כשר׳ן לכבוד פסח, האָט ער זי געבעטען זי זאָל זיך כאָטש אויף אַ ווייל׳ע געהן צורוהען. ווייל לויט די דינים פון שולחן ערוך — האָט דער רבי צוגעגעבען — איז שוין אַלץ כשר וישר.

— ווען איך וואָלט דיך מיט דיין שולחן ערוך האָרכען — האָט געענטפערט די רבי׳צין — וואָלטען מיר שוין לאַנג געגעסען חמץ בפסח !...

2

די דריי פּשוּטוֹת פון מרדכי ראַקאָווער

מרדכי ראַקאָווער, דער בעוואוסטער לץ אין לובלינער רבינ׳ס הויף האָט געזאָגט, אַז ווען ער זעהט זיך מיט׳ן רבוש״ע וואָלט ער ביי איהם געבעטען אַ היתר אויף דריי זאַכען: צו

רויכערען אַ ציגאַר נאָכ'ן טשאָלענט אום שבת, צו טרינקען אַ שלוק-וואַסער נאָך כל נדרי און אויסצווישען מיט אַ שטיקעל חלה דאָס טעלער'ל פון פיש-יוך אין פסח...

3

בזדון יתן מצה

אין סלאָנים איז נאָך מקדמונים געווען איינגעפיהרט אַ מנהג, אַז עטליכע וואָכען פאַר פסח האָט קהל מודיע געווען דורך מודעות אין די בתי תפילות, אַז ווער עס איז נישט ביכולת צו קויפען זיך אַליין מצות זאָל וועגען דעם שריפטליך מעלדען אין קהל, וועט מען איהם אַהיימשיקען מצות בכבוד.

איז געוואָרען דאָרט אַמאָל אַ ראש-הקהל אַ זעהר שלעכ-טער מענש, האָט ער געענדערט דעם מנהג און מודיע געווען פאַר פסח, אַז ווער עס דאַרף מצה זאָל זיך מוחל זיין און קומען אַליין אין קהל'ס הויז אָבנעהמען די מצות אַהיים. האָט דעריויף דער סלאָנימער רב דער בעוואוסטער גאון ר' אייזיל חריף געזאָגט: אויף אַזאַ ראש הקהל זאָגט עס שלמה המלך (משלי י"ג): רק בזדון יתן מצה. אפילו ווען ער גיט שוין די מצה דעם אָרימאַן, גיט ער זי מיט אַ בייז האַרץ.

4

פסח און סוכות

פאַר וואָס אויף פסח טהיילט מען די אָרימע לייט מעות-חיטין כדי זיי זאָלען זיך איינקויפען מצות צו עסען אום יום טוב. און פאַר וואָס טהוט מען דאָס זעלבע נישט אויך פאַר סוכות?

— ווייל וועגען פסח שטעהט אין דער תורה אַ געבאָט: שבעת ימים תאכלו מצות. דאַגעגען וועגען סוכות שטעהט נאָר — בסוכות תשבו. איהר זאָלט זיצען אין סוכות אבער פון עסען רעדט זיך דאָרט גאָרנישט.

5

צו צדקה געבן איז ער דער אייגענער ווי אַמאָל

דער מאָהליווער רב ר׳ שמחה בוך האָט זיך נוהג געווען פאַר פסח אַליין אַרומצוגעהן נאָך מעות חטין. איז ער אַמאָל אַריינגעקומען צו איינעם אַ גביר, וואָס איז אין פערלויף פון דעם יאָהר שטאַרק נתעשר געוואָרען און פערדיענט אַ הון רב בעהמט דער דאָזיגער אַזוי רייך געוואָרענער גביר און גיט אַ נדבה דעם רב די אייגענע סומע ווי פאַר אַיאָהרען. — אויף איך זאָגט דאָס דער פסוק — בעמערקט דערויף ר׳ שמחה׳לע — הון ועשר בביתו וצדקתו עומדת לעד...

6

כלב כשר לפסח

אַ מילך-הענדלער אַ גב ר-אלים און דערצו נאָך אַ גרויסער עזות פנים, האָט געפאָדערט פון רב, ער זאָל איהם געבען אַ הכשר דאָס מ׳מעג זיין מילך נוצען אויף פסח. דער רב האָט אָבער נישט געהאַט קיין צו גרויסען צוטרוי צום עם הארץ און גראָבען נפש און דערפאַר איהם נישט געוואָלט געבען קיין הכשר. דעם מילך-הענדלער האָט דעם רב׳ס אָבזאָג שטאַרק פערדראָסען, איז ער געגאַנגען און אָבגעטהון דעם רב אַ שפּיצעל — ער האָט צוגעבונדען אַ הונט צום רב׳ס טיהר, זעהר שלעכט איז דעם רב געוואָרען. אין סאַמע רעכטען סעזאָן, ווען יודען קומען צום רב חמץ פערקויפען און הכשרים נעהמען, שטעהט גאָר אַ הונט ביי דער טיהר און לאָזט קיינעם נישט אַריין און נישט אַרויס, מוז דער רב איבערבעטען דעם עזות׳דיגען מילך-הענדלער און איז מסכים צו געבען איהם אַ הכשר אויף זיין מילך, אבי ער זאָל אַוועקנעהמען דעם מזיק פון זיין טיהר, האָט זיך אָבער דער רב געקליגט און אָנגעשריבען אין הכשר אָנשטאָט: „חלב כשר לפסח” — „כלב קשור לפתח ...

7

צי איז ביער חמצ׳דיג?

אַן אַרענדאַר איז ערב פּסח געקומען צו אַ רב פרעגען אַ שאלה: צי ער וועט מעגען נוצען אויף פּסח דאָס פּעסעל ביער וואָס ער האָט פון אייגענע גערשטען אַליין געמאַכט? ווען דער רב ענטפערט: ניין, שטעלט זיך אָוועק דער אַרענדאַר מיט איהם אויסטענה׳ן: — ס׳טייטש, רבי איך האָב דאָך אַליין פון אייגענע ספּעציעל לשם פּסח אָפּגעהיטענע גערשטען געמאַכט יו״ט׳דיגען מאַלץ, טאָ פאַרוואָס זאָל עס זיין חמצ׳דיג?

דער רב אַ זעהר קלוגער יוד, זעהענדיג מיט וועמען ער האָט אַנ׳עסק, נעהמט אַ סידור, מישט אויף בדיקת חמץ, און זאָגט כלומרשט מיט פּאַטאָס צום פרעגער: זעהט אדרבא דאָ, טשאַרני נאַ ביאַלע (שוואַרץ אויף ווייס,) וואָס עס שטעהט על ביעור חמץ (אַלע ביער איז חמץ)...

8

קאַרטאָפעל און דער חיי אדם

איינער האָט אַמאָל געפרעגט דעם קלוגען גאון ר׳ אייזיל חריף פאַרוואָס דער חיי׳ אדם האָט נישט גע׳אסר׳ט קאַרטאָפעל צו עסען אום פּסח. אויב ער (דער חיי׳ אדם) אסר׳ט קטניות צוליעב דער סברא, אַז מ׳קען זיי מאָהלען און מאַכען דערפון מעהל, טאָ קאָן מען דאָך פון קאַרטאָפעל בידוע אויך מאַכען מעהל! — התינח (ס׳איז ריכטיג) — האָט דער פרעגער ווייטער מפלפל זיך געווען — די קדמונים האָבען נישט גע׳אסר׳ט קאַרטאָפעל אויף פּסח ווייל אין זייערע צייטען האָט מען נאָך אין אייראָפּע נישט געוואוסט פון קאַרטאָפעל, אָבער דער חיי אדם וואָס האָט געלעבט שוין נאָך אמעריקא׳ס ענטדעקונג, פאַרוואָס האָט ער נישט געפונען פאַר נויטיג צו אסר׳ען קאַרטאָפעל אין פּסח?

— שוטה — האָט געענטפערט ר׳ אייזיל — פערשטעהסט דען נישט, אַז קאַרטאָפעל איז היינט דער גאַנצער חיי אדם, טאָ ווי אַזוי קאָן דער חיי אדם דער אסר׳ען דעם חיי־אדם?...

9

אַ רפואה צו שלשול

צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער איז אַמאָל געקומען אַ חולה און געבעטען אַ סגולה צו שלשול. דער רבי האָט איהם געהייסען עסען סופקע קאַשע. (געדיכטע קאַשע). ווען די מקורבים האָבען דערנאָך ר׳ מאיר׳לען איבערגעפרעגט פון וואַנען ווייסט ער, אַז סיפקע קאַשע איז אַ רפואה צו שלשול, האָט דער רבי גלייך געענטפערט: עס שטעהט דאָך בפירוש אין דעם יוצר פון שבת הגדול: יוצאי חפזון — ספקם מזון...

10

מצא, מוצא, מצה.

איינער האָט געטראָפען זיינעם אַ חבר באַלד נאָך דער חתונה און געפרעגט איהם די בעוואוסטע לומדישע קשיא: מצא או מוצא? (מצא אשה מצא טוב, אָדער: ומוצא אני מר ממות את האשה). דער חבר, אַ זעהר קלוגער יונגערמאַן, האָט געענטפערט: נישט מצא און נישט מוצא, נאָר גאָר: מצה, ד״ה: מיין ווייב איז דאַר, שוואַרץ און געשטופעלט, ווי אַ מצה...

יז

שבועות־פאלקלאר

1

שבת דרך ארץ.

דעם אַלטען גערער רבי ר׳ איטשע מאיר, האָט אַ חסיד געפרעגט: רבי! ווי אַזוי הייסט דער שבת פאַר שבועות? וואָרים כידוע, האָבען מיר שלש רגלים: פסח, שבועות און סוכות. דער שבת פאַר פסח הייסט שבת הגדול, פאַר סוכות ווייטער הייסט ער: שבת תשובה, טאָ ברויך דאָך אויך דער שבת פאַר שבועות צו האָבען עפעס אַ נאָמען?

— דער שבת פאַר שביעות הייסט שבת דרך ארץ — האָט דער רבי געענטפערט — ווייל דרך ארץ קדמה לתורה, זאָגען אונזערע אַלטע חכמים ד. ה. אַז נאָך פאַר׳ן געבען די תורה אום שביעות האָט שוין דאָך עקזיסטירט דאָס געזעץ פון דרך ארץ, אויף וועלכען די גאַנצע התנהגות פון דער אַלטער וועלט האָט זיך געשטיצט.

2

אַ שאַרפזיניגער קנייטש

אין דער גמרא שבת (פ״ח ע״א) זאָגט דער אמורא ר׳ אחא, אַז די יודען וועלען זיך קאָנען פערענטפערען אויף דער

טענה פון רבונו של עולם: פאַר וואָס זיי האָבען נישט מקיים געווען די תורה, דערמיט, וואָס זיי האָבען, די תורה נישט מקבל געווען מיט'ן גוטען ווילען, נאָר גאָט האָט זיי דערצו געצוואונגען.

פרעגען אָבער אַלע אַלטע מפרשים אויף רב אחא'ן אַ קשיא: עס איז דאָך דאָ אַ בפירושער דין אין דער גמרא בבא בתרא (מ"ז ע"ב): תליוהו וזבין זביניה, זביני—אַז מען צווינגט איי־נעם מיט געוואַלד, ער זאָל קויפען אַ זאַך, איז דער קויף, טראָץ דעם צוואַנג אַ געזעצליכער קויף. טאָ ווי אַזוי וועלען זיך די יודען קאָנען ריינוואַשען דערמיט, וואָס זיי האָבען די תורה מקבל געווען מיט געוואַלד און נישט מיט'ן גוטען ווילען? האָבען זיך די גדולי ישראל געמאַטערט צו פערענטפערען די דאָזיגע שווערע קשיא און זי נישט געלעזט.

דער גרויסער גאון און חריף ר' יונתן אייבעשיץ האָט אָבער אויסגעוויזען, אַז ס'איז כלל נישט קיין קשיא, ווייל ווען די יודען וואָלטען נישט מקבל געווען די תורה, וואָלט דאָך דער דין פון „תליוהו וזבין" אויך נישט אָנגענומען געוואָרען אַלס דין!...

אַזוי־אַרום האָט דער גאון מיט זיין שאַרפזיניגען „קנייטש" צו נישט געמאַכט די דאָזיגע זעהר שווערע קשיא.

3

אַ מודה במקצת

בעת דער פילאָזאָף משה מענדעלסאָן האָט אָנגעהויבען מפורסם צו ווערען אין דייטשלאַנד אַלס גרויסער דענקער און געלעהרטער. איז דאַמאָלסט געווען רב אין בערלין, דאָס וואוינ־אָרט פון מענדעלסאָן, דער גאון ר' הערשעלע לעווין, וועלכער האָט ווי אַלע פרומע יודען אין יענער צייט מיט גרויס חשד געקוקט אויף מענדעלסאָנס נייע השכלה־דרכים. איז ווער געקו־מען אַמאָל אין שבועות און דערצעהלט דעם רב, אַז אין מענ־דעלסאָנס וואוינונג האָט מען היי־יאָהר שוין מעחר נישט אויס־

געשטעלט קיין גרינס אויף שבועות. דאָס האָט געזאָלט דינען אַלס בעוויז, אַז מענדעלזאָן פּערקריכט וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער און רוקט זיך אָפּ פון די אָנגענומענע יודישע טראַדיציאָנעלע מנהגים. דער רב האָט זיך דערויף סאַרקאַסטיש אָבגערופען:

פּאַראַיאָרען איז מענדעלזאָן נאָך געווען אַ „מודה במקצת״ האָט ער געהאַלטען פון (ב״י) „שבועות״. היינט איז ער שוין אָבער אַ „כופר הכל״, איז ער דערפאַר פּטור אויך פון שבועות.

4

נישט קיין בזיון

דער באַראָן גינצבערג האָט אַמאָל געמאַכט אַ שטאַרקען פּאָרוואורף אַ רב, אַ גרויסען תלמיד חכם, וואָס איז צו איהם געקומען, ער זאָל קויפען זיינס אַ ניי געדריקט ספר.

— צו פערשטעהט איהר דען אַליין נישט — האָט דער באַראָן זיך געבייזערט אויפ׳ן רב — אַז איהר זייט מבזה די תורה און מאַכט זי ביליג דערמיט, וואָס איהר מחזיר׳ט על הפתחים מיט דער תורה און באַט זי אָן יעדען עם-הארצישען נגיד פאַר אַ פּאָר גראָשען?

— דאָס איז אָבער כלל נישט קיין בזיון התורה — האָט דער קלוגער רב געענטפערט — ווייל אויך גאָט האָט דאָס אייגענע געטהון. ער איז — דערצעהלט די גמרא עבודה זרה (ב:) — פאַר׳ן געבען די תורה צו די יודען, אַרומגעגאַנגען מיט איהר צו אַלע אומות העולם און אַלעמען אָנגעבאָטען צוצונעהמען זי:, און דערפאַר איז אַזאַ זאַך כלל נישט קיין בזיון.

דער באַראָן האָט זיך פון דעם רב׳ס ענטפער פערשעמט. ער האָט איבערגעבעטען דעם מחבר און געגעבען איהם אַ שעהנע נדבה.

ה

„יזכור" זאָגערס איז אַמעריקע

אַ פּוילישער יוד, אַ גרינער, האָט געדאַווענט דעם צווייטען טאָג שבועות און אַ האַלב רעפאָרמירטער שוהל אין אַמעריקא. געהט ער צו נאָכ'ן דאַווענען צום רעוורענד און פרעגט איהם: פאַר וואָס נאָכ'ן „לייענען" רופט דאָ דער שמש נישט אוים פונקט אַזוי ווי אין אייראָפּע, אַז מען געהט זאָגען „יזכור" און דערפאַר זאָלען די אַלע וועלכע האָבען נאָך עלטערען אַרויסגעהען יעצט פון שוהל? —

— צו ווייסט איהר אָבער דען נישט, גרינהאָרן — האָט דער רעוורענד חוזק'דיג אָבגעענטפערט, אַז די אַלע יודען, וואָס זענען נישט קיין יתומים און ברויכען נישט זאָגען קיין „יזכור" קומען דאָ אין אַמעריקא כלל נישט דאַווענען?

— אויב אַזוי — האָט דער פּוילישער יוד צו געוואָרפען דעם רעוורענד אַ שטאָך-וואָרט — איז אויף אייך טאַקי געזאָגט געוואָרען אין דער שמונה עשרה: מתיר אסורים (אַלץ איז ביי אייך מותר און ערלויבט) ומקיים אמונתו לישיני עפר (אייער גאַנצע אמונה בעשטעהט גאָר אויף יזכור זאָגען און מזכיר נשמות זיין)...

6

בשעת מתן תורה איז געווען זומער

אין אַ שלעכט וועטערדיגען טאָג אין ווינטער האָט אַ סוחר געדונגען אַ בעל-עגלה, ער זאָל איהם צופיהרען אין אַ געוויססער שטאָדט אַריין, וואו ער האָט געהאַט דאָרט צו ערלעדיגען ביז צוויי נאָכמיטאָג אַ דרינגענד געשעפט. דערביי האָט ער זיך מיט'ן פוהרמאַן אויסגענומען, אַז אויב ער וועט איהם אָהין נישט צושטעלען צו דער בעשטימטער שעה, וועט ער איהם פאַר'ן פאָהרען גאָר נישט בעצאָהלען פערשטעהט זיך, אַז

דער אידישער בעל עגלה האָט זיך אַזוי לאַנג געשלעפּט אויפ'ן וועג ביז דער סוחר האָט פערשפּעטיגט און איז אַהינגעקומען אין יענער שטאָדט שוין נאָך אַלעם, וויל אָבער דער בעל עגלה נישט שענקען דעם פּאַסאַזשיר זיין שכר און רופט איהם אויף אַ דין תורה צים אָרטיגען דיין. דער דיין האָט גע'פּסק'נט, אַז לויט'ן דין פון דער תורה האָט דער בעל עגלה פערשפּיעלט. רופט זיך אָב דער בעל עגלה און פרעגט דעם דיין: רבי ווען איז געגעבען געוואָרען די תורה?

— ווי הייסט, איהר ווייסט דען ניט, אַז אין שבועות איז געגעבען געוואָרען די תורה?

— דערפאַר טאַקי טענ'הט ווייטער דער בעל עגלה — ברויכט איהר צו פערשטעהען, אַז אין שבועות-צייט, וואָס פאַלט אויס שטענדיג אין זומער, איז דער וועטער שעהן און דעריבער האָט די תורה געמאַכט אַזאַ דין. היינט אָבער אין יעשיען, דער סעזאָן פון בלאָטעס און שנייען, קאָן פערשטעהט זיך בשום אופ'ן נישט גילטען און מאַסגעבענד זיין דער אייגענער תורה-דין, וואָס איז געגעבען געוואָרען אין זומער...

7

גיעט איז דער וואָכען!

אַ סלאָנימער נגיד, אַ גרויסער קמצן איז צוגעגאַנגען יום טוב צו ר' אייזיל חריף אין שוהל נאָכ'ן דאַווענען און איהם געזאָגט ווי געוועהנליך: גוט יום טוב, רבי! ר' אייזיל האָט דערויף געענטפערט: גיט (גיעט) אין דער וואָכען!

8

חג-האסיף

דער קעלעמער מגיד איז געקומען אויף שבועות קיין קעניגסבערג אין מזרח פּרייסען. האָט ער דורך מודעות בעקאַנט

געמאַכט, אַז אין ערשטען טאָג שבועות נאָכמיטאָג וועט ער האַלטען אַ דרשה אין דער גרויסער ק. שוהל. איז אָבער צו דער דרשה געקומען זעהר ווייניג צוהערערס ווייל - האָט מען איהם אינפאָרמירט – די יודישע סוחרים האָבען זיך אין דעם טאָג ארויסגעלאָזען איבער דער שטאָדט אייגזאַמלען און אָפּנעמען זייערע חובות פון די קריסטליכע קונים. קענטיג – האָט דער מגיד איראָניזירט – אַז די קעניגסבערגער יודען האָבען דאָ אַ טעות געמאַכט און אויסגעטוישט דעם חג השבועות אויף חג האסיף. דער יום טוב פון איי נזאַמלען...

9

עשירים מעגען טהון עבירות

פאַר וואָס מעגען די עשירים עובר זיין אויף אַלע לאוי'ן פון דער תורה און אַן אָרימאַן קוים טהוט ער די קלענסטע עבירה ווערט באַלד אַ „ויצעקו״?

ווייל. ווען משה רבינו האָט צעבראָכען אויף שטיקער די ליחות, וואָס זענען געווען, כידוע, לויטער דימענטען און ברילאַנטען, האָבען זיך די יודען געוואָרען צונויפזאַמלען די שטיקער עדעלשטיינער. די גבירים, וואָס האָבען שטענדיג מזל, האָט געדיענט דאָס גליק און זיי האָבען געכאַפּט די גרעסטע שטיקער, אויף וועלכע עס זענען אויפגעשריבען געווען די ווערטער.

תרצח, תנאף, תגנוב, און דערפאַר מעגען זיי אַלץ אָבטהון.

די אָרימע לייט אויף שלימזל האָבען דאַגעגען געכאַפּט נאָר די קליינינקע שטיקעלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען אויס-געשריבען בלויז די קירצע ווערטער:

„לא״ „לא״ „לא״ און דעריבער טאָרען זיי גאָרנישט טהון...

10

לא תגנוב

צום בעוואוסטען שעדלעצער רב, ר׳ ברוך מרדכי איז גע-

קומען אַנ׳אַלטער אָנגעזעהענער, יוד און געפרעגט, צו ער מעג מעלים זיין פון זיין נישט יודישען שותף אַ גרויס פערדיענסט. פון וועלכען זיין שותף וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסען, דערביי האָט דער אַלטער יוד געגעבען דעם רב צו פערשטעהן, אַז צוליעב זיין אָנגעזעהענקייט און בכבודיגען פלאַץ, וואָס ער פערנעמט אין דער געזעלשאַפט האָט ער אַ סך אויסגאַבען ווי אַ שטייגער אויף צדקה אין וואוילטעטיגע צוועקען, פון וועל־כען זיין שותף, דער גוי איז, פערשטעהט זיך, פטור. ר׳ ברוך מרדכי האָט איהם אַזוי געענטפערט: אין „עשרת הדברות" שמות (כ׳ ט״ז) שטעהט דער לאו: לא תגנוב אין איינצאָהל פאָרם (מספר יחיד). און פרשת קדושים ויקרא (י״ט י״א) שטעהט ווידער דער אייגענער לאו און מעהרצאָהל (מספר רבים) לא תגנובו. דאָס הייסט אַז דער איינצאָהליגער לאו איז געזאָגט געוואָרען פאַר יעדען געוועהנליכען יוד.

דער מעהרצאָהליגער לאו איז אָבער ספּעציעל געשטעלט געוואָרען פאַר אַזאַ אָנגעזעהענעם אַלטען יוד ווי איהר זייט וועלכען די גאַנצע וועלט איהר׳צט אַז אויך ער טאָר נישט גנב׳ענען...

יב

תשעה־באב־פאלקלאר

1

וואָס מעג מען עסען איז די נייז טעג

דעם בעריהמטען פאָלקס־לץ, הערשעלע אָסטראָפּאָליער־האָט מען אַמאָל איז די „ניין טעג" געטראָפען עסען אין אַ גאָרקיך אַ פלייש־גריץ.

— הערשעלע! — האָט זיך דער עולם געחידוש'ט — צי ווייסט דו נישט, אַז אין די ניין טעג עסט אַ יוד נאָר מילכיגס?...

— אַ נאַר ווייזט מען נישט קיין האַלבע אַרבייט! — האָט דער לץ אָבגעענטפערט — אָט וואַרט אַ ווײַלע, וועל איך געבען אַ מיש און ס'וועט אַרויפשוואומען אַ שטיקעל קעז אויך...

2

ווער קען, און ווער ברויך דען...

דער אפטער רבי, ר' יהושע העשעל, האָט אַמאָל געזאָגט...

— ווען איך זאָל האָבען פון הימעל אַ רשות, וואָלט

איך מבטל געמאַכט אַלע תּעניתית אויסער תשעה-באב און יום-כּפור. ווייל תשעה-באב ווער קען דען עסען, און יום-כּפור ווער ברויך דען עסען?...

3

אויף יום-כּפור אַ כּפּרה

ר׳ לוי יצחק פון בארדיטשעוו האָט געטראָפען אַ חברה לעבּ-יונגען זיצען תשעה-באב אין רעסטאָראַן און עסען געשמאַק געבּראָטענע היהנדלעך, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופען:

— אַז איהר עסט שוין היינט אויף אַלע עופות, טאָ וואָס וועט איהר נעמען כּפּרות אויף ערב יום-כּפור?...

4

מיט אַ גוטען אַפּעטיט!

אין דער השכלה-עפּאָכע האָבען אַ חברה משכּילים-אפּיקורסים איינגעאָרדענט אויף צו-להכעיס אין תשעה-באב אַ הוליאַנקע ביים יודישען אַקציזניק פון דער שטאָדט, אין וועלכער ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געוואוינט.

ווען ר׳ ישראל האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער גענומען זיין שמש און איז מיט איהם אַוועק אויפ׳ן אָנגעווי-זענעם אָרט. קומענדיג אַהין האָט דער רב געטראָפען די חברה זיצען ביי אַ גוט סערווירטען טיש און פּראַווען אַ סעודה גאַנץ געשמאַק.

— מיט אַ גוטען אַפּעטיט! — האָט ר׳ ישראל בעגריסט די דעגענערירטע להכעיס׳ניקעס, וועלכע זענען צוטומעלט געוואָ-רען פון פּלוצלונגען ערשיינען פון רב אויף זייער שמחה. נאָכמעהר פערוואונדערט זענען זיי אָבער געוואָרען, וואָס אָנ-שטאָט אַ פאָרציע שטראָף-רייד און מוסר, וואָס זיי האָבען ער-וואָרט צו הערען פון דעם גרויסען בעל-מוסר׳ניק, ר׳ ישראל,

פאַר זייער שענע מעשה, האָט ער גאָר זיי געוואונשען אַ גוּ-
טען אַפּעטיט! דער רב האָט דערקענט די צייכענס פון פער-
וואונדערונג אויף זייערע פּנימער און זיך צו זיי אָנגערופען;

— וואָס פערשטעהט איהר דאָ נישט יודען? איך ווינש
אייך אַ גוטען אַפּעטיט, כּדי די עבירה פון אייער עסען אין
תשעה-באב זאָל כאָטש נישט זיין אַן עבירה לחכעיס, ווי מ'האָט
מיך אינפאָרמירט, נאָר — פּשוט „לתיאבון", ווייל ס'האָט
אייך שטאַרק געהונגערט האָט איהר געמוזט איינשטילען
אייער גוטען אַפּעטיט מיט דער סעודה. אַזוי-אַרום ווערט אייער
מעשה אַ סך מילדער און שענער!...

די חברה האָבען זיך פערשעהמט פון רב'ס קלוגע רייד
און תיכף פערלאָזט די סעודה.

5

איז איהם נישט ניחא, איז: לא צריכא!

אין קאָזשעניצער מגיד'ס בית-המדרש איז איינמאָל גע-
ווען צופעליג אַ ליטווישער מתנגד בשעת'ן קינות זאָגען אין
תשעה-באב ביינאַכט. ווען דאָס יונג-וואַרג האָט אָנגעהויבען,
כּנהוג, צו וואַרפען דעם עולם שטעכעדיגס און שישקעס, איז
דער מתנגד אַרויס מיט אַ „ירגזון" אויף דער ווילדער התנהגות
פון די קונדסים, וואָס פערוואַנדלען דעם גרעסטען טרויער-טאָג
ביי יודען אין אַ שפּיעל און פערוויילונגס טאָג. דער מגיד
האָט זיך דערויף אָבגערופען:

— אויב דעם רבש"ע געפעלט אפשר נישט אונזער
התנהגות אין תשעה-באב, טאָ זאָל ער איהם צונעמען פון
אונז!...

6

אָהן ציין, קאָן ער ניט גריזשען אַ ביין

ר' מאיר'לען פרימישליאַנער איז אַמאָל אויסגעקומען

ײן **תשעה־באב צו** זאָגען קינות אין אַ מתנגד׳ישער שוהל. **נעבען** ר׳ מאיר׳ל איז געזעסען אַ יוד, וואָס האָט הויך געקלאָגט און געביטערט און כסדר צומישט ר׳ מאיר׳לען מיט זײנע קולות.

— וואָס קלאָגסט דו אַזוי שטאַרק? — האָט ר׳ מאיר׳ל איהם געגעבען אַ פרעג.

— פאַר וואָס זאָל איך נישט קלאָגען? — האָט דער יוד אָבגעזיפצט — אַז אין דעם טאָג איז חרוב געוואָרען דער בית־המקדש און צושטערט געוואָרען דער מזבח.

— צי ווייסט דו אָבער נישט — האָט ר׳ מאיר׳ל קאַלט־בלוטיג איהם געזאָגט — אַז היינט איז דער בית־התפילה במקום בית־המקדש; דער שולחן במקום המזבח און די תפילות במקום הקרבנות, טאָ וואָס איז זשע מיט דיר אַזאַ קלאָג?

— אָבער — טענה׳ט ווייטער דער מתנגד — איך בין דאָך אַ כהן, ועמען מ׳האָט געגעבען בזמן שבית־המקדש היה קיים די „זרוע והלחיים והקיבה" און היינט בעקום איך גאָר־נישט!

— אויב נאָר אין דעם געהט עס דיר, טאָ נאַ דיר צוויי גילדען און קויף דיר אין יאַטקע די זעלבע גוטע זאַכען און הער אויף צו יאָמערען!...

— פערגעסט אָבער נישט, וואָס די חז״ל זאָגען, דאָס זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען איז אַוועקגענומען געוואָרען דער טעם פון פלייש און איז איבערגעגאַנגען צו די ביינער. —

— טאָ קויף זשע דיר פאַר דעם געלד פלייש־ביינער וועסט דו שוין האָבען דעם אמת׳ן טעם בשר!...

— האָב איך אָבער נישט קיין ציין צו גריזשען די ביינער!

— אויב אַזוי — האָט ר׳ מאיר׳ל פערענדיגט דעם וכוח — טאָ שריי זשע אויף די ציין!...

7

אַ חיי־אדם אַפילו, אָבער מיט בלויז הלכות אכילה

מאָטקע חבד, דער בעקאַנטער לץ, האָט אַמאָל געטראָגן פון בעקער אין תשעה־באב אַ ברויט'ל איינגעוויקעלט אין פּאַפּיער. טרעפט איהם אַ בעקאַנטער יוד און פרעגט איהם:

— וואָס טראָגסט דו, מאָטקע?

— אַ „חיי־אדם"!

— טאָ ווייז מיר איהם אויף אַ מינוט: איך ברויך איינצוזעהן עפּעס אין הלכות תענית!

— אין מיין חיי־אדם — האָט גענטפערט מאָטקע — שטעהט אָבער נאָר בלייז הלכות אכילה!...

8

דורך תפילין, דעם תענית־הונגער שטילען

מאָטקע חבד האָט איינמאָל תשעה־באב אין בית־המדרש ביים דאַוונען אַראָבגעכאַפּט די תפילין של יד און אַ שליידער געטהון אויף דער ערד.

— גאָט איז מיט דיר, מאָטקע! וואָס האָסט דו דאָ אָבגעטהון? — האָט דער עולם געליאַרעמט.

— איהר הערט דאָך, רבותי, — האָט מאָטקע געלאַסען גענטפערט — איך בין אַזוי הונגעריג, אַז מ'הערט אַזש אין קראָקע האָב איך מיר דערפאַר געוואָלט איינברענגען דעם רעשט תענית.

— דורכ'ן אַראָבוואַרפען די תפילין?! — האָט זיך דער עולם געוואונדערט.

— אוודאי! האָט מאָטקע גענטפערט. — צי האָט איהר נישט געזעהן, וואָס עס שטעהט אין קיצור שולחן־ערוך אויף טייטש: אַז מען לאָזט אַראָפּ די תפילין של יד בעדאַרף מען נישט פאַסטען!...

9

ער געפינט שטיצע, אין „אסור ברחיצה"

הערשעלע אסטראָפּאָליער איז אַרײַנגעקומען תשעה־באב אין אַ גאָרקיך און גלײַך אָהן נטילת ידים זיך געגומען צו אַ לחם.

– וואָלסט דיך כאָטש געוואַשען צום עסען? – האָט דער עולם איהם פאַרגעוואָרפען.

– גראָבע יונגען! – האָט הערשעלע זיך אָנגעבייזערט, – צי ווייסט איהר נישט, אַז תשעה־באב איז אסור ברחיצה?!...

10

די פּאַסיגסטע צייט, אויף שפּאַצירען פאַר אָרימע לייט

תשעה־באב האָט דער מלמד פון שטעדטעל, אַ גרויסער אביון, גענומען מיט זיך דאָס ווייב און צוזאַמען אַרומשפּאַצירט הינטער דער שטאָדט.

– וואָס עפּעס אַזאַ פאַרגעניגען זיך אָנצוטהון אין סאַמע תשעה־באב? – האָבען יודען איהם אויסגערעדט.

– איהר הערט דאָך – האָט דער מלמד געענטפערט, – לעולם האָב איך שוין אַ סך מאָל אַזוי געוואָלט טהון. מיר האָבען זיך אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט צופּאַסען: האָב איך געהאַט שטיוועל, האָט זיך דאָס ווייב, נישט געהאַט קיין שיך, און אַזוי ווייטער פערקעהרט. היינט אָבער ווען מירביידע זענען אסור בנעילת הסנדל, פאַרוואָס זאָלען מיר נישט אַביסעל שפּאַצירען צוזאַמען?...

11

א השערה

פון וואַנען שטאַמט דער אויסטערלישער מנהג צו וואַר־

פּען זיך שטעכעדיגס בשעת'ן איכה און קינות זאָגען אין תשעה־באָב? — וועגען דעם איז שוין פּיעל השערות אַרויסגעזאָגט געוואָרען. מיר שיינט, אַז דאָס שטאַמט פון טרויעריגען גירוש ספרד, וואָס איז אויסגעפאַלען אין תשעה־באב שנת רנ"ב. בידוע איז עס היסטאָריש דאָקומענטירט געוואָרען, דאָס כּדי צו ערמוטיגען די נידערגעשלאָגענע מגורשי ספרד האָבען דעמאָלט די רבנים, נישט קוקענדיג אויף תשעה־באב, מתיר געווען צו בעגלייטען דעם טרויעריגען וואַנדער־מאַרש מיט מוזיק און געזאַנג, מיט פידלען און פויקען פּונקט אַזוי ווי בשעת יציאת מצרים. אַלס זכר דערפון איז פערבליבען ביז היינט די שטיפעריי און דאָס וואַרפען זיך מיט שטעכעדיגס... אַזוי דאַכט זיך מיר.

אַזעלכעס איז נאָך נישט געווען!

נאָר=וואָס איז אַרויס פון דרוק
אַ העכסט=אינטערעסאַנט ספר פון
יודישען פאָלקלאָר אוצר א. נ.:

לעקסיקאָן
פון יודישע חכמות

פון הרב ישעיה זלאָטניק

דער לעקסיקאָן ענטהאַלט די געקליבענע דבורים,
גלייכווערטלעך, אַנעקדאָטען און איינפאַלען פון
די גרעסטע חכמי ישראל אין דער לעצטער
צייט, וועלכע זענען נאָך אין ערגיץ
נישט פערעפענטליכט געוואָרען. אַנ׳
אמח׳ען גייסטיגען פערגעניגען קאָן
יעדער יוד געפינען אין די
חכמות, וועלכע שפרודלען
מיט׳ן עכטען יודישען הו-
מאָר און וויץ, וואָס
זענען אַזוי אייגענ-
אַרטיג און אָרי-
גינעל אין דער
פאָלקלאָר-
ליטע-
ראַטור.

דאָס ספר פאַר׳ן פרייז פון 3 זל.
איז צו בעקומען ביים מחבר:
Rabin Sz. ZŁOTNIK, Radom

א נייעס אין דער דרוש-ליטעראַטור!

נור וואָס איז אַרויס פון דרוק אַ העכסט-אינטערעסאַנטע זאַמלונג פון דרשות אויף אַלע ימים טובים צון אונזערע נאַציאָנ. טרויער-טעג א. ג. „מאָדערנע דרשות" פון הרב ישעיה זלאָטניק (ה. י. זהבי) דאָס ספר ענטהאַלט אַ רייהע היסטאָרישע אָבהאַנד-לונגען און פאָרשונגען, וועלכע בעלייכטען די תקופות, וואָס האָבען אַ שייכות צו אונזערע אַלע ימים טובים. דאָס ספר צייכענט זיך אויס סיי לויט'ן כאַראַקטער און סיי לויט'ן אינהאַלט פון אַלע אַנדערע דרוש-ספרים, וואָס זענען ערשינען ביז היינט העכסט נוצליך פאַר יעדען רב, דרשן און סתם לעזער.

דער בעוואוסטער שריפטשטעלער און קריטיקער הלל צייטלין שרייבט וועגען דעם ספר אין זיין רעצענזיע („מאָמענט" נ' 290):

„דער ספר מאָדערנע דרשות פון הרב ישעיה זלאָטניק בעלייכט די יודישע ימים טובים פון רעליגיעז-היסטאָרישען שטאַנדפונקט און גיעט דעם לעזער גלייכצייטיג אי באמת אַ שענע דרשה אי אַ וויכטיגע היסטאָרישע פאָרשונג. אין יודישען איז אַזאַ מין בוך איינגאַנצען אַ דבר חדש!".

צו בעקומען ביים מחבר פאַר'ן פרייז פון 4 זל.

Rabin Sz. Złotnik, Radom, Poland.

דער ראש הרבנים פון ארץ ישראל וועגען דעם ספר „מאָדערנע דרשות"

אבריהם יצחק הכהן קוק
הרב הראשי לארץ ישראל
האב"ר
בעיה"ק ירושלים תובבא

ב"ה יום כ"ח לחדש אייר תרפ"ט.

לכ הרב הגאון המצוין אוצר נחמד
מו"הר ישעיה זהבי שליט"א.

שלום.

יקבל כת"ר את ברכתי ע"י ספרו הדרשות בלעז, שהואיל בטובו לשלוח אלי. הצצתי בו ומצאתי שדבריו הם דברי נגידים, מועילים לרומם את רוח אחינו המשתמשים בשפה זו, להדרת קודש. לאה: תורה ומדות תרומיות, להוקרת ארץ חמדה וכל מחמדי קדשנו.

יהי ה' עמו ויצליח בכל אשר יעשה להשכיל ולהיטיב,

כן דברי ידידו המברכו מקודש.

הקי אברהם יצחק הכהן קוק